Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פּרייז 20 גראָשען **הײַנט 8 זייטען.**

נייער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע מאָרגן-צייטונג

Nr. 106/16106	Łódź, Sroda 8 maja 1929 r.	זיבעטער יאָהרגאַנג	לאָדז, מיטוואָך כח ניסן תרפ"ט	Nr. 106/16106

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

אין יולי ווערט צונויפגערופן דער סיים

צו בעטראַכטן די שטייער-פאַרשלאַגן פון דער רעגירונג

וואַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט) ווי מיר דערוויסען זיך, וועט אין אָנהויב יולי צוזאַמענגערופען ווערען דער סיים, כדי צו בעטראַכטען די נייע שטייער-פאַרשלאַגען, וועלכע די רעגירונג האָט אויסגעאַרבייט.

געגען העכערונג פון משאות-טאַריף

וואַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט) דער מלוכה-ראַט פאַר באַהן-ענינים האָט זיך געווענדעט צום קאָמוניקאַציע-מיניסטער, אַז ער זאָל דערווייל אָפּשטעלען די נייע הוספה צום באַהן-טאַריף פאַר סחורות.

אויסלענדישע פּעסער ווערען ביליגער

די טעג ערשיינט די פאַראָרדנונג

וואַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועט פאַרעפענטליכט ווערען די פאַראָרדנונג פון פינאַנץ-מיניסטער וועגען ביליגער מאַכען אויסלענדישע פּעסער.

שחיטה-פאַרבאָט אין רוסלאַנד?

מינסק, 7 (אַ. ו.) די סאָוויעטען-רעגירונג האָט אויסגעאַרבייט אַ געזעץ-פּראָיעקט מכוח פאַרווערען די יודישע שחיטה. אין האָמעל האָט מען שוין פאַרווערט די שחיטה.

געשטאָרבען דער טעאַטער-רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס".

ניו-יאָרק, (יט"א) די טעג איז דאָ געשטאָרבען דער יודישער דראַמאַטישער פּובליציסט י. קאָרנבליט, רעדאַקציע-מיטגליד פון „פאָרווערטס".

אין בערלין איז רוהיג

שליסונג פון קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס

בערלין, 7 (אַטע) אין בערלין הערשט שוין פולשטענדיגע רוה. דער דעמאָנסטראַטיווער אַלגעמיינער שטרייק געגען דער פּאָליציי, וועלכער איז אָנגעזאָגט געוואָרען אויף היינט, האָט זיך נישט איינגעגעבען. אין די קאַמפען זענען אומגעקומען זיבען פּאָליציאַנטען, 50 זענען פאַרוואונדעט געוואָרען.

בערלין, 7 (ספּ. טעל.) לויט דער פאַראָרדנונג פון פּרייסישען אינערן-מיניסטער ווערט ליקווידירט דער קאָמוניסטישער „בונד פון די פראָנט-קעמפערס", אויך דער „רויטער פלאָט" און „יוגענד-בונד". הגם די פאַראָרדנונג בעציהט זיך בלויז אויף פּרייסען, רעכענט מען, אַז אויך אין די איבריגע טיילען פון דייטשלאַנד וועט פאָרקומען די זעלבע ליקווידאַציע פון די קאָמ. אָרגאַניזאַציעס.

אַ שניי אין איטאַליען

רוים, 7 (ספּ. טעל.) אין צפון-איטאַליען גיסט אַ שטאַרקער רעגען און די טעמפּעראַטור איז שטאַרק געפאַלען. אין עטליכע ערטער איז געפאַלען אַ האָגעל, וועלכער האָט געמאַכט גרויסע שאָדענס. אין די אַפּענינען-בערג איז אויסגעפאַלען אַ שניי. נעבען שטרעם דערגרייכט די שניי-שיכט 20 צענטימעטער הויך.

שנעל-צוג איבערגעפאָהרען אַ פוהר מיט פּאַסאַזשירען

וואַרשאַ, 7 (אַטע). דער שנעל-צוג לעמבערג—וואַרשאַ האָט נישט ווייט פון לובלין איבערגעפאָהרען אַ פּויערישע פוהר, וועלכע איז געווען פול בעזעצט מיט מענשען. 3 פּערזאָן זענען אויפן אָרט דערהרג'עט געוואָרען, 3 זענען געוואָרען שווער פאַרוואונדעט.

אַרום דעם אַטענטאַט אויף וואָלדעמאַראַס'ען

קאָוונאַ, 7 (אַטע) אַלע וועגע, וואָס פיהרען פון קאָוונאַ, זענען היינט געווען אָפּגעשלאָסען, די אַטענטעטער האָט מען אָבער נישט געכאַפּט.

פרוי וואָלדעמאַראַס איז על פּי נס נצול געוואָרען פון טויט: די קוילען האָבען ביי איהר דורכגעלעכערט די קליידער אויך די וועש ביים סאַמע האַרץ. אויף וואָלדעמאַראַס'ן האָט מען געשאָסען אויך אין מאָמענט, ווען ר'איז אַריין אין טעאַטער, טראָגענדיג אויף די הענט זיין פאַרוואונדעטען שוועסטער-זוהן.

דער אינערן-מיניסטער האָט בעשטימט אַ פּרעמיע פון 50 טויזענד ליט פאַר כאַפּען די אַטענטעטער.

ריגאַ, 7 (אַטע) „יאַונאַקאַסינאַס" איז מודיע פון קאָוונאַ, אַז צווישען די אַטענטעטער זענען געווען צוויי יודען און איין קריסט.

קאָוונאַ, 7 (אַטע) דער פאַרבאַנד פון סטודענטען טאַוטיניקעס (רעגירונגס-פּאַרטיי) האָט היינט איינגעאָרדענט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע לכבוד וואָלדעמאַראַס'ען.

(זעה צווייטע זייט).

„גראַף צעפּעלין" פליהט צום צווייטען מאָל קיין אַמעריקאַ

לאָנדאָן, 7 (אַטע). פון וואַשינגטאָן איז מען מודיע וועגען אַן אָפיציעלער מיטטיילונג, אַז די דייטשע לופטשיף „גראַף צעפּעלין" נעהמט אונטער ד. 15-טען מאַי אַ צווייטע לופטרייזע קיין אַמעריקאַ איבער'ן אַטלאַנטישען אָקעאַן.

דערשאָסען די פיהרער פון אויפשטאַנד אין מעקסיקאַ

לאָנדאָן, 7. (אַטע) פון מעקסיקאַ איז מען מודיע, אַז די פיהרער פון אויפשטאַנד אין מעקסיקאַ זענען דערשאָסען געוואָרען.

5 לופט-פליהער דערהרג'עט

בעת אַן אַעראָפּלאַן-קאַטאַסטראָפע

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.) נעכטען בייניאַכט איז אויפ'ן פליה-פּלאַץ אין בורזשע פאָרגעקומען אַ שרעקליכע אַעראָפּלאַן-קאַטאַסטראָפע. בעת נאַכט-איבונגען איז פון אַ בעדייטענדער הויך אַראָפּגעפאַלען אַן אַעראָפּלאַן מיט באָמבעס. 5 פליהער זענען אויפ'ן אָרט דערהרג'עט געוואָרען.

אַמעריקאַנער רעפּאַראַציע-פאָרשלאַגען

ווערען אָנגענומען דורך דייטשלאַנד

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.) נעכטען האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז צווישען אָלען יאָנג און ד"ר שאַכט איז בעת פּריוואַטע געשפּרעכען געקומען צו אַ פּאָזיטיווען רעזולטאַט. ד"ר שאַכט האָט געזאָלט אויסדריקען זיין גרייטקייט אָנצונעהמען די אַמעריקאַנישע פאָרשלאַגען.

צוליב דער אינטערווענץ פון דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע און בעזונדערס פון אָלען יאָנג, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דער דייטשער דעלעגאַציע די פאַטאַלע פאָלגען פון אויפרייסען די רעפּאַראַציע-קאָנפערענץ, איז ד"ר שאַכט געוואָרען פיל נאָכגיביגער און איז גרייט אָנצונעהמען דעם אַמעריקאַנישען פאָרשלאַג.

די וואַהלען צו די זעלבסט-פערוואַלטונגען אין פראַנקרייך

פּאַריז, 7 (אַטע). דאָס אינערן-מיניסטעריום האָט פאַרעפענטליכט די וואַהל-רעזולטאַטען ביי די וואַהלען צו די זעלבסטפערוואַלטונגען אין 771 געמיינדעס. אין אַ גרויסער צאָהל געמיינדעס וועלען מוזען פאָרקומען שטיכוואַהלען. קיין בעדייטענדע ענדערונגען אין די פאַרהעלטנישען צווישען די בעזונדערע פּאַרטייען וועלען די איצטיגע וואַהלען נישט אַריינברענגען.

הכנות צו דער סעפּטעמבער-סעסיע פון פעלקער-בונד

גענף, 7 (אַטע) דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פון פעלקער-בונד האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע מיטגלידער די טאָג-אָרדנונג פון דער סעפּטעמבער-סעסיע פון פעלקער-בונד. אויף דער סעסיע ווערט ערוואַרט אַ גרויסע דעבאַטע איבער די פראַגען פון דער וועלט-פּאָליטיק. מ'רעכענט, אַז ביי די וואַהלען פון 3 נייע מיטגלידער אין ראַט פון פעלקער-בונד וועט פּוילען ווידעראַמאָל אויסגעוועהלט ווערען.

500 מיליאָן מאַרק

אינערליכע הלואה אין דייטשלאַנד

בערלין, 7. (ספּ. טעל.) אויף דער זיצונג פון דייטשען מיניסטאָרען-ראַט איז אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט פון פינאַנץ-מיניסטער הילפערדינג, וועגען אַן אינערליכער הלואה פון 500 מיליאָן מאַרק. די הלואה איז אַ 7-פּראָצענטיגע מיט אַן אויסקויף-טערמין פון 5 יאָהר. דער ציל פון דער הלואה איז צו בעזייטיגען די פינאַנציעלע שוועריגקייטען, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען די מלוכה-קאַסע.

8-ונג קאָלאָניאַל-געוועלבער!

פון דעם ראַיאָן: פּאַדזשעטשנאַ, זאַכאַדניאַ, קאָנסטאַנטינער, שקאָלנאַ, זאַוואַדזקאַ, פּאָנסקאַ, פּאַסאַזש-שולץ, זאַקאָנטנאַ, גדאַנסקאַ, ציגעל-גאַס, צמענטאַרנאַ און לוזיע

מיר טיילען אייך מיט, אַז לויט אַ בעשלוס פון די בעקער-בעזיצער פון די אויבענדערמאָנטע גאַסען

מוז יעדען זונטאַג רעגולירט ווערען פאַר די וואָך געבעקס אַלעס אין קאַסע

און פאַר נישט צופּאַסען זיך צו דעם אויבענדערמאָנטען בעשלוס, וועט קיין שום בעקער מאָנטאַג נישט שיקען קיין געבעקס.

מיט אַכטונג

די קאָמיסיע פון דעם אויבענדערמאָהנטען בעקער-ראַיאָן.

7107

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 62 יאָהר מיין ליבער מאַן, פאָטער, שוויגער-פאָטער און גרויספאָטער

נ"ע יצחק בירנבוים

די לויה איז פאָרגעקומען נעכטען, 1 אַ זייגער ביימאָג פון פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויעריגע הינטערבליבענע.

7101

זאַל „הזמיר", אַל. קאָשטשושקי 21.

ביז זונטאַג איז נאָך אָפען

די בילדער-אויסשטעלונג

— פון —

מ. אַפּפּעלבוים

טעגליך פון 10 אין דערפריה ביז 9 אָוועגד.

אַריינגאַנג 1 זל., פאַר מיטגלידער פון פּראָפ. פעראיינען און פאַר שילער — 50 גר., גרופּען-בעזוך צו 30 גראָשען. 7105

100 זל. בעלוינונג

בעקומט דער יעניגער, וואָס וועט מיר אָנווייזען, וואו עס געפינט זיך אַ מכלומרשט געגנב'עטער פּאַטעפאָן וועגען וועלכען ה' שלמה הערש מעללער און פּעסע מעללער זאָגען, אַז מען האָט עס ביי זיי אַרויסגעגנב'עט. דעם דאָזיגען פּאַטעפאָן האָב איך ביי זיי אַריינגעשטעלט.

די יעניגע, וואָס ווייסען עפּעס וועגען דעם פּאַטעפאָן, אָדער זיי וועלען אָנווייזען, וואו ער געפינט זיך, בעקומען די אויביגע בעלוינונג. דיסקרעציע געזיכערט. דער פּאַטעפאָן איז פון דער מאַרקע „Swis-Made" אין אַ עכטען שוואַרצען קאַסטען.

צו מעלדען ביי סאַמולאָוויטש, קאַמיענאַ 15.

עטליכע צעהנדליג פערוואונדעטע

בעת קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס אין דאנציג

ראנציג, 7. (טעלעפאניש). נעכטען בייי נאכט זענען אויף ראמיניקאנער פלאץ זיך צונויפגע-געקומען קאמוניסטען און געפרובט איינארדנען א דעמאנסטראציע. די פאליציי האט געוואלט ארע-סטירען דעם קאמוניסטישען דעפוטאט פלעניקאווסקי איהם האט אבער געשטערט די רויטע באוובקע, די פאליציי האט די דעמאנסטרירענדע קאמוניסטען פונאנדערגעטריבען אין די ווייטיגע גאסען. דעפ. פלעניקאווסקי איז שפעטער ארעסטירט געווארען אין זיין וואוינונג.

אויך די דעמאנסטראציע אויפ'ן האלץ-מארק איז פונאנדערגעטריבען געווארען דורך דער פא-ליציי.

גרופען קאמוניסטען האבען זיך אויך צונויפגע-געקליבען אויף בוימגארטענשטראסע. די פאליציי איז בעווארפען געווארען מיט שטיינער און פלעשער. פון ביידע זייטען זענען דא עטליכע צעהנדליג פער-וואונדעטע.

עקאנאמישער קאמיטעט

זאל רעקאנסטרואירט ווערען

ווארשא, 7. (טעלעפאניש). ווי בעקאנט, איז דער עקאנאמישער קאמיטעט ביים מיניסטארען-ראט זיך נאך קיין איין מאל נישט צוזאמענגעקומען זייט ס'האט איבערגענומען די טעקע פון פרעמיער דר. שוויטאלסקי. דאס איז געשעהען דערפאר ווייל דער קאמיטעט דארף רעקאנסטרואירט ווערען. דער ענין וועט ענטגילטיג רעצידירט ווערען, ווען דער האנ-דעלס-מיניסטער וועט צוריקקומען פון זיין איטצי-גער רייזע.

פארזיצער פון עקאנאמישען קאמיטעט זאל פון איצט אן זיין נישט דער פרעמיער, נאר ווארר-שיינליך דער האנדעלס-מיניסטער, אדער דער פי-נאנץ-מיניסטער.

יוד — אמעריקאנער אמבא-סאדאר אין שפאניען

ניו-יארק, 7. (טעלעגראפיש דורך יט"א). פון א זיכערער קוועלע דערוויסט זיך די יט"א, אז דער אויבער-פראקוראר פון אמעריקא דער יוד אל-בערט אפינגער זאל בעשטימט ווערען אלס אמע-ריקאנישער אמבאסאדאר אין שפאניען.

אפינגער איז אינגאנצען אלט 51 יאהר און איז בעת די לעצטע פרעזירענטען-וואהלען אין אמע-ריקא ארויסגערוקט געווארען דורך דער רעפובליקא-נער פארטיי אויפ'ן אמט פון ניו-יארקער גובער-נאטאר.

א שלאס אויפ'ן מויל דער ליט-ווישער פרעסע

זי טאר נישט שרייבען וועגען יודער-ליכען פאגראם אין ניוויי

קאוונא, (יט"א) וועגען פאגראם אין ניוויי (נעווי) ווערט אפיציעל מיטגעטיילט, אז דריי פון די אנטיילנעהמער זענען ארעסטירט געווארען. זיי ליי-קענען אבער יעדע שולד. דער פרעסע האט די אדמיניסטראטיווע מאכט פערבאטען צו געבען וועל-כע עס איז מיטטיילונג וועגען פאגראם. פערזאגענריג צו מעלדען בלויז: „אומבעקאנטע כוליגאנעם האבען דערהרגעט דעם בירגער הור שלאכטיל".

געשטארבען א העברעאישער שריפטשטעלער

ניו-יארק, (יט"א) דא איז געשטארבען דער העברעאישער שריפטשטעלער ש. ב. שווארצ-בערג.

שארפע שטרייק-לאגע אין באמבעי

27 דערהרג'עטע ביי די אונרוהען

לאנדאן, 7. (אטע) פון באמביי טיילט מען מיט, אז די שטרייק-סיטואציע האט זיך ווידער פערשארפט. אין פיל שפינערייען איז די ארבייט ביז-איצט נישט בענייט. די צאהל געהרגעטע ווע-רען אנגעגעבען פון פריוואט-קוועלען אויף 27, דא-נעגען די אפיציעלע קוועלען גיבען אן 8 דערהרגעטע און 108 פערוואונדעטע.

ווארבורג און בערנארד קאהן אפגעפאהרען פון א"י

ירושלים, 7 (טעלעגראפיש דורך יט"א). פעליקס ווארבורג און ד"ר בערנארד קאהן זענען אוועקגעפאהרען פון ארץ-ישראל.

קעניג באריס מוז צוריקפאהרען קיין בולגאריען

וויען, 7 (אטע). פון סאפיא ווערט מיט-געטיילט אז דער קעניג באריס האט איבערגעריסען זיין רייזע איבער אייראפא און קומט זונטאג צוריק קיין סאפיא. דאס צוריקקומען פון קעניג באריס זאל זיין א סיבה פון אינערליך-פאליטישע פער-וויקלונגען אין בולגאריען.

פוילען קויפט טאבאק אין רוסלאנד

ווארשא, 7- (טעלעפאניש פון אונזער קאר-רעספאנדענט). דעם 12 מאי פאהרט ארויס קיין מאסקווע דער וויצע-דירעקטאר פון מלוכה'שען טא-באק-מאנאפאל וועגען איינקויפען רוסישען טאבאק פאר דעם מלוכה-מאנאפאל.

די סאוויעטען וועלען דערפאר איינקויפען אנ-דערע סחורות אין פוילען.

יודישע ריכטער אין העכסטען מלוכה-געריכט

אין טשעכאסלאוואקיי

פראג, (יט"א) אין העכסטען טשעכאסלא-וואקישען מלוכה-געריכט זענען צוו. אנדערע נאמי-נירט געווארען פאלגענדע יודען: דר. ראט (פרעס-בורג), דר. יוסף פיק (פראג), דר. מייסנער (פראר) דר. מאנדעל (פילזען), דר. עקשטיין (פילזען), און דר. זינגער (פראג)-. די קארענץ פון געריכט וועט זיך ענדיגען סוף 1931 י.

א מיליאנער אין תפיסה

וואשינגטאן, 7. (ספ. טעל.) דער נאפט מאגנאט סינקלער איז נעכטען אוועק אין טורמע, כדי אפצוזיצען דארט די דריי-חדשימדיגע שטראף פאר בעליידיגען דאס געריכט.

א גרויסע שרפה

אמסטערדאם, 7. (ספ. טעל.) אין שטע-טעל ראסום זענען אפגעברענט געווארען פופציג הייי-זער. דורכ'ן פייער זענען בעראהט די קירכע, און דער פאסט-אמט.

אייראפא ווארט אויפ'ן גרויסען לאזונג פון א"י

געוו. לעטישער מיניסטער ראינים וועגען א"י-אויפבוי-ווערק

ירושלים, (יט"א) דער לעטישער קאנסול אין ארץ-ישראל מרדכי כספי האט איינגעארדענט א באנקעט לכבוד דעם בעקאנטען לעטישען שריפט-שטעלער געוו. סאציאל-דעמאקראטישען מיניסטער ראנים. אויפ'ן באנקעט איז אנוועזענד געווען דער קאנסולאר-קארפוס, פארשטעהער פון דער רעגי-רונג און פיל אנגעזעהענע ארץ-ישראל פערזענליכ-קייטען. טאאסט-רעדעס לכבוד ראינים האבען גע-האלטען דער קאנסול כספי ,דער גריכישער קאנ-סול (אין נאמען פון קאנסולאר-קארפוס), און דער דיסטריקט-קאמיסאר פון ירושלים. ענטפערענדיג אויף די בעגריסונגען האט ראינים געהאלטען א רעדע אין וועלכער ער האט צוו. אנר. געזאגט: „די יודען האבען מיט אייגענע כוחות אהן דער הילף פון אנדערע פעלקער, אויפגעבראכט דאס גרויסע קא-לאניזאטארישע ווערק פון ארץ-ישראל. דא ווערט געשאפען עטוואס נייעס גרונדלעגענדעס. דאס נייע אייראפא ווארט אויפ'ן גרויסען לאזונג פון ארץ-ישראל.

אנטיסעמיטישע עקסצעסן אויף א צוזאמענפאהר

עסטרייכישע סטודענטען בעזייטיגען די יודען. — די סאציאליסטען פערלאזען דעם צוזאמענפאהר

גראץ, (יט"א) אין דער אולע פון היגען אוניווערזיטעט איז אפגעהאלטען געווארען א צו-זאמענפאהר פון די עסטרייכישע סטודענטען. גלייך נאך דער ערעפנונג פון צוזאמענפאהר זענען אויס-געבראכען ווילדע יודענפיינדליכע אוואנגורעס. די אנטיסעמיטען האבען געפאדערט צו בעזייטיגען די יודען פון צוזאמענפאהר און איבערלאזען בלויז „ריינע אריער": עס איז געקומען צו שארפע צו-זאמענשטויסען צווישען רעכטען און לינקען פלי-געל פון די דעלעגאטען און צום סוף זענען די יודען מיט געוואלד בעזייטיגט געווארען פון צוזאמענפאהר. אויך סאציאליסטישע סטודענטען פון יודישער אפ-שטאמונג האבען גענומ.ט פערלאזען דעם צוזאמענ-פאהר. דער רעקטאר פון אוניווערזיטעט פראפ. מארטינאק האט בעת די אלע געוואלדטאטען נישט אינטערווענירט. די סאציאליסטישע סטודענטען האי-בען אלס צייכען פון פראטעסט פערלאז'ט דעם צו-זאמענפאהר.

יודישע פאך-שול אין אדעס

ווערט פערוואנדעלט אין א טעכניקום

מאסקווע, (יט"א) פון אדעס ווערט מיטגע-טיילט, אז עס איז בעשלאסען געווארען צו פער-וואנדלען די אדעסער יודישע פאך-שול „מעטאל" אין א טעכניקום.

די שול „מעטאל" עקזיסטירט אין אדעס העכער 60 יאהר, און פערלויף פון איהר עקזיסטענץ האט די שול ארויסגעגעבען א בעדייטענדע צאהל יודישע ספעציאליסטען אין פערשידענע פאכען פון טעכ-נישער ארבייט. אין פערבינדונג מיט דעם פראצעס פון פראלעטאריזירען די יודישע מאסען איז ענט-שטאנען דער געדאנק צו פערוואנדלען די שול אין א טעכניקום.

„ארט"-טעטיגקייט אין דייטשלאנד

בערלין, (יט"א) די טעג איז דא פארגע-קומען די גענעראל-פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „ארט" אין דייטשלאנד .פון בעריכט איז צו זעהן, אז אין בעריכטס-פעריאד האט דער דייטשער „ארט" געפיהרט אנ'אינטענסיווע טעטיגקייט ,געעפענט פיל נייע לאקאלע אפטיילונגען, דורכגעפיהרט א גאנצע רייהע „ארט"-אויסשטעלונגען א.אז.וו. די געזעלשאפט האט געפיהרט א רייהע קורסען, געגעבען סובסידיעס אויף פארטבילדונג פון לאנד-ארבייטער און האנד-ווערקער א. רגל. פון 120 מיטגלידער אין 1923 איז די „ארט"-מיטגלידערשאפט אויסגעוואקסען ביז טויזענד ועקס הונדערט.

אטענטאט אויף וואלדעמאראס'ן

איין אדיוטאנט דערהרג'עט, א צווייטער אדיוטאנט און וואלדעמאראס'עס שוועסטערן-זוהן שווער פערוואונדעט

קאוונא, 7. (ספ. טעל.) נעכטען אין אוונט איז פאר'ן טעאטער-בנין אויסגעפיהרט געווארען אנ' אטענטאט אויף וואלדעמאראס'ען בעת ער איז אויס-געשטיגען פון אנ'אויטא. פון המון האט אומיצער אויסגעשאסען עטליכע מאל פון א רעוואלווער און געווארפען צוויי האנד-גראנאטען, וואלדעמאראסעס אדיוטאנט איז דערהרגעט געווארען אויפ'ן ארט, וואלדעמאראס איז ניצול געווארען. די אנפאלער זע-נען ביז-איצט נישט געכאפט געווארען. די פאליציי האט ארורכגעפיהרט פיל ארעסטען.

קאוונא, 7. (ספ .טעל.) מ'טיילט מיט פאל-גענדע פרטים וועגען אטענטאט אויף וואלדעמאראס'ן וואלדעמאראס איז געפאהרען אויפ'ן קאנצערט פון פעטערבורגער קווארטעט, וועלכער איז געקומען קיין קאוונא, מיט וואלדעמאראס'ען זענען מיטגעפאהרען זיין פרוי, זיין 13-יעהריגער שוועסטער-זוהן און צווי אדיוטאנטען.

דער קאנצערט איז פארגעקומען אין טעאטער זאל, וואס געפינט זיך אין שטאטישען פארק. ווען וואלדעמאראס איז אויסגעשטיגען פון אויטא, זענען צו איהם צוגעשפרונגען צוויי פערזאן, וועלכע האבען אנגעהויבען אויף איהם צו שיסען.

וואלדעמאראס מיט זיין פרוי זענען ארויס גאנץ. וואלדעמאראסעס אדיוטאנט גורינאס איז גע-פאלען א טויטער אויפ'ן ארט. דער צווייטער אדיו-טאנט איז שווער פערוואונדעט געווארען אין די לונגען. וואלדעמאראסעס שוועסטערן-זוהן איז אויך שווער פערוואונדעט געווארען. זיין צושטאנד איז א האפנונגסלאזער. די אנפאלער זענען נישט גע-כאפט געווארען.

דער אטענטאט האט געמאכט א גרויסען איינ-דרוק אין דער שטאט. די פאליציי האט ארורכגע-פיהרט מאסען-ארעסטען.

קאוונא, 7. (ספ. טעל.) דער אטענטאט אויף וואלדעמאראס'ען האט אין די אפיציעלע ליטווישע קרייזען ארויסגערופען א געוואלדיגע בעאונרוהי-גונג. באלד נאכ'ן אטענטאט איז פארגעקומען א זיצונג פון מיניסטארען-ראט, כדי ארויסצוגעבען די געהעריגע פעראָרדנונגען.

וואלדעמאראס איז געווען דערפאר, אז די רע-פרעסיעס זאלען פערשטארקט ווערען, אנדערע מי-ניסטארען האבען געהאלטען, אז דער קורס מוז געמילדערט ווערען.

די אנפאלער זענען נאך נישט ענטדעקט. די פאליציי האלט, אז מען דארף זיי זוכען צווישען די אנהענגער פון פלעטשקאיטיס'ען. די געווא-רפענע גראנאטען האבען נישט אויפגעריסען. דער אנאליז פון די גראנאטען האבען בעוויזען, אז ווען זיי זאלען געווען אויפרייסען, וואלטען אומגעקומען צעהנדליגער מענשען און וואלדעמאראס אליין וואלט זיכער נישט ארויס קיין גאנצער.

בערלין, 7. (ספ. טעל.) „בערלינער טאַ-געבלאט" שרייבט אז דער אטענטאט אויף וואל-דעמאראס'ען איז נישט קיין אקט פון פערזענ-ליכער נקמה, נאר אנ'ארגאניזירטער פאליטישער טע-ראר-אנפאל.

נוצט אויס די געלעגענהייט!
נור נאך א קורצע צייט!
צו יעדען 1/2 טוץ פרעכטיג רעטושירטע פאסט-פאטאגראפיעס (1 פערזאן) גיבען מיר צו גראטיס
א פארטרעט
אויסערדעם ווערען אויסגעפירט אלערליי שענסטע קונסט-פאטאגראפיעס לויט די נייעסטע פאטא-קונסט.
פאר שולען און פעראיינען—בעזונדערע הנחות. מיט אכטונג
קונסט-פאטאגראפישער אטעליער
„PARISIEN"
30 פראנציסקאנער 30.

זאפארט צו פערמיטען
א פאבריקס-לאקאל
איינגעריכטעט מיט מאטארען און טראנסמיסיעס, געגענשטענדע צו צוקערלעך, שאקאלאד, מארמא-לאדע-וואפלען אויסארבייטונגען
אדער קעלערס אין א גרעסערן פערנעהם אין גוטען צושטאנד, ווי אויך 2 געוועלבער. צו ערפאהרען ביים ווירט מ.ה.ווראבלעווסקי נאוואמייסקא 21

Dr. Z. Rakowski
ספעצ. פאר אויערען, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקע
קאנסטאנטינער 9, טעל. 27-81.
[illegible]

נור אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען-מעבעל-פאבריק
I. B. WOŁKOWYSKI שענקיעוויטש 3/5

פאבריק-לאגער: נארוטאוויטשא (דזיעלנא) 11, טעל 37-70
איז א מביליגסטען
א מבעסטען
א מבעקוועמסטען
און דער גרעסטער אויסוואהל
כ'בעזיק אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון מעטאל ניקעל-בעטען, פעלד-בעטען, מעטאלאווע פאטענט „פערפעקט" גאראנ-טיע 5 יאהר, קינדער-ווענעלעך די ניי-עסטע פאסאנען, לעזשאקעס, וואש-טישען, סערוויזען, וויזשימאטשקעס, אייז קיסטען
איך בארג אויס בעטען אויף זומער-וואוינונגען.

יפו. 8 מאי 1929

„נייער פאָלקסבלאַט"

יפו. 9 מאי 1929

ביי אונז...
ווען דער פריהלינג קומט

ווען דער פריהלינג קומט זינגט דער וואַלד, זינגען די פויגעל, זינגט דער מענש, אַלץ און אַלע פרעהען זיך מיט דעם „וואונדער־שעהנעם מאָנאַט מאַי", אַזוי פלעגט מען אַמאָל זינגען און זאָגען. היינט האָט עס אויך אויפגעהערט. עפּעס איז געקומען אַ שינוי במעשה בראשית. עפּעס האָט זיך אַלץ איבערגעקעהרט און אומגעדרעהט. לאַנג האָבען מיר געוואַרט אויפ'ן פריהלינג. לאַנג האָט אונז דער פראָסט געמאַטערט און נישט געוואָלט אָבלאָזען, לאַנג האָבען מיר זיך געמוזט בעהאַלטען אין די הייזער, מורא געהאַט אַ נאָז אַרויסצושטעקען. און נאָך האָט געהערשט די בייזע קעלט. אויפ'ן האַרצען איז געווען אומעטיג טרויעריג, אָבער אויך אין הויז האָט דורכגענומען די בייזע קעלט און נאָר די האָפנונג אויפ'ן נאָהענטען זומער האָט נאָך אַביסעל געטרייסט. ענדליך האָבען מיר זיך דערוואַרט. דער פריהלינג איז געקומען מיט זיין גאַנצען פראַכט און גלאַנץ, אָבער עס זינגט זיך עפּעס נישט...

דער פריהלינג איז געקומען. זיינע סמנים בעווייזען זיך נור דערמיט וואָס מען דאַרף טראַכטען וועגען אַ נייעם בגד, וועגען נייע הוצאות וועגען טערמינען פון שטייערן, וואָס מען דאַרף צאָהלען. קיין פרייד, קיין ערלייכטערונג האָט ער אונז נישט געבראַכט.

אויף דער יודישער גאַס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד. אַ שרעקליכער יאוש האָט אַרומגענומען די יודישע געזעלשאַפט. וואו מען געהט, וואו מען שטעהט, הערט מען נאָר יאָכצען און קרעכצען. אין דער גרויסער שטאָט הערט מען עס נאָך פיל אָפטער און פיל דייטליכער ווי אין דער פּראָווינץ. עפּעס האָט זי דער פונדאַמענט אויף וועלכען אונזער ווירטשאַפט איז געשטאַנען אַ ריהר געטאָן פון אָרט און דער גאַנצער בנין וואַקעלט זיך. דאָס שפירען היינט אַלע, נור נישט אַלע זעהען און פערשטעהען, וואָס דאָ איז אַזוינס געשעהן.

אונזער ווירטשאַפט איז בכלל נאָך גאַנץ פּרימיטיוו, מיר שטעהען נאָך אויף די ערשטע שטאַפּעל פון דער עקאָנאָמישער לייטער. מיר אַרבייטען מיט פּרימיטיווע מעטאָדען, דער פּויער בעאַרבייט זיין פעלד מיט'ן אַלטען אַקער־אייזען געשפּאַנט מיט אַ פּאָר אָקסען, דער שמיד קלאַפּט אויף דער קאָוואַדלע. דער שניידער נעהט מיט דער נאָדעל און דער קרעמער פערקויפט זיין סחורה אויפ'ן גילדען און גראָשען פונקט אַזוי ווי אונזערע עלטער־זיידעס האָבען זיך געפיהרט.

אין דעם פּרימיטיווען מצב האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסען די נייע צייט מיט אַלע איהרע מאָדערנע פאָדערונגען. מיר האָבען איינגעפיהרט די מאָדערנסטע סאָציאַלע געזעצען. מיר האָבען שוין אין אַ סך פּרטים איבערגעשטיגען די מערב־אייראָפּעאישע לענדער. מיר האָבען איינגעפיהרט מלוכה'שע און קאָמונאַלע שטייערן, אויסנוצענדיג דערביי אַלע סיסטעמען פון שטייערן וואָס זענען נאָר פעראַן אויף דער וועלט. מיר זענען ווי יענער אָרימאַן וואָס האָט בעקומען בירושה פון אַ רייכען פעטער אַ מטמון, מיט מלבושים האָט ער זיי אָנגעטאָן אַלע מיט אַמאָל. ער איז אַרויס און נאָך מיט דריי פּאָר הויזען, מיט אַ האַלב טוץ מאַנטלען, מיט אַ דריי פוטערס. ער האָט נישט געוואוסט, אַז יעדע מלבוש האָט זיין צייט און מען קען די מלבושים צוזאַמען נישט בענוצען.

אונזער לאַגע איז איצט כאַראַקטעריזירט אַם בעסטען מיט יענעם וואָרט: תבן אין נתן לעבדיך ולבנים אומרים להם עשו, קיין שטרוי גיט מען נישט און ציגעל הייסט מען מאַכען.

מיר האָבען נישט קיין רוה־שטאָף, מיר האָבען נישט דאָס שטרוי פון וועלכען און אויף וועלכען עס לאָזט זיך קנעטען און מען פערלאַנגט פון אונז מיר זאָלען ליפערען סחורה, ליפערען געלד און דווקא במזומנים. אין אַ צייט ווען אַלץ דרעהט זיך אַרום וועקסעל, ווען קיינער זעהט נישט קיין מזומן גראָשען פאַר די אויגען, פערלאַנגט מען, מען זאָל דווקא צאָהלען במזומנים און דווקא בעטרעפען די שטייערן כמעט דריי מאָל אַזוי פיל וויפיל עס קורסירט אין דער מדינה מזומן־געלד!

ווען דער פריהלינג קומט, זינגט דער וואַלד, זינגען די פויגעל, זינגט דער מענש. אַזוי האָט עס אַמאָל געהייסען.

היינט ווייזט אויס, אַז עס זענען נשתנה געוואָרען סדרי בראשית. צי דער וואַלד און די פויגעל זינגען, ווייס איך נישט, אָבער די מענשען זינגען געוויס נישט.

איבערהויפּט שפירט זיך נישט אויף דער יודישער גאַס קיין פריהלינג.

אַ טיפע מרה שחורה איז אויסגעגאָסען אויף אַלע. מיר שפירען, אַז אַזוי ווייטער קען עס נישט בלייבען. עס מוז עפּעס געשעהן, עס מוז עפּעס געטאָן ווערען אויסצומיידען די קאַטאַסטראָפע.

ש. י. ס.

די אַלטע געשיכטע אין נייעם רוסלאַנד...
אַנטיסעמיטען בעשרייבען מאָסקווער ווענד מיט אויפשריפטען צו שלאָגען יודען

מאָסקווע, (יט"א) די צייטונג „טרוד" גיט איבער אַז די ווענד פון פיל מאָסקווער פאַבריקען, שפּיטאָלען, אוניווערזיטעטען און אַפילו טראַמוואַיען ווערען לעצטענס דורך אומבעקאַנטע כוליגאַנעם פערקלעבט מיט אויפשריפטען: „שלאָגט יודען און קאָמוניסטען. ראַטעוועט רוסלאַנד". די כוליגאַנעם פערשפּרייטען אויך אַנטיסעמיטישע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע זענען געדרוקט אין געהיימע דרוקערייען.

אויף איינער פון די מאָסקווער פאַבריקען, דערצעהלט די צייטונג, איז פאַר די לעצטע טעג פערשפּרייט געוואָרען אַ פּראָקלאַמאַציע מיט פאָלגענדען אינהאַלט: „מען האָט אַראָפּגעוואָרפען דעם צאַר און ביי דער מאַכט האָבען זיך געשטעלט ביטערע פוקסען. אונזער לאַנד איז איצט אַ קערפּער, וואָס ווערט צופרעסען דורך די יודען... ווער ווייסט עס נישט, אַז אַלע קאָאָפּעראַטיווען זענען געשעפטען וואָס געהערען צו פריוואַטע יודען... שרייבט זיך נישט אונטער אויף דער אינדוסטריאַליזאַציאָנס־הלוואה, ווייל דאָס געלד וועט במילא אַריינפאַלען צו די זשידעס אין די קעשענעס"...

די צייטונג ברענגט אַ גרויסע צאָהל ביישפּילען ווי אַזוי אין די פאַבריקען ווערען די יודישע אַרבייטער פערפאָלגט און מען רעדט עפענטליך וועגען דעם, „אַז מען דאַרף אויסקוילען פריהער אַלע יודען, דערנאָך אַלע בורזשויען". די צייטונג פאָדערט בעצייטענס אָנגעהמען נאָך שטרענגערע מיטלען געגען אַנטיסעמיטיזם, ערקלערענדיג אַז צוליב די קליינע שטראָפען, ערלויבען זיך פיל אַנטיסעמיטען צו פיהרען זייער אַרבייט פראַנק און פריי.

געגען שטעלען אַ מאָנומענט פאַר חיים סאַלאָמאָן
דער מאָנומענט וועט דאָך געשטעלט ווערען

ניו־יאָרק, (יט"א) דער פּראָיעקט צו שטעלען אַ מאָנומענט צום אָנדענקען פון יודיש־אַמעריקאַנישען פּאַטריאָט חיים סאַלאָמאָן, וואָס האָט געשטאַמט פון פּוילען, וועלכער האָט געשטיצט די קעמפער פאַר דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיגקייט, האָט אומערוואַרטעט אָנגעטראָפען אויף אַ ווידערשטאַנד מצד דער „בראָדוויי אַסאָסיישן". די „בראָדוויי אַסאָסיישן" האָט אָפּגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּראָטעסט רעזאָלוציע געגען אויפשטעלען דעם חיים סאַלאָמאָן־מאָנומענט אויף לינקאָלן־סקוועער. די רעזאָלוציע ווערט מאָטיווירט דורך דעם, וואָס די „אַסאָסיישן" איז בכלל געגען אויפשטעלען מאָנומענטען אין די שטאָטישע סקווערען. דער פאָרשטעהער פון דער פּוילישער לאַנדסמאַנשאַפט וואָס האָט געגעבען די איניציאַטיוו אויפצושטעלען דעם מאָנומענט ה' בנימין ווינטער האָט ערקלערט, דאָס דער פּראָטעסט פון דער „בראָדוויי אַסאָסיישן" האָט נישט קיין שום בעדייטונג, ווייל דער שטאָט־ראַט האָט שוין געגעבען אַן ערלויבניש צו שטעלען דעם מאָנומענט.

לעצטע חלוצים־קאָלאָניע אין קרים ליקווידירט זיך

מאָסקווע, (יט"א) די קאָלאָניע „משמר", וואָס איז די לעצטע פון די געבליבענע חלוצים־קאָלאָניעס אין ראַטען־פערבאַנד ווערט איצט אויפגעלעזט לויט דער איניציאַטיוו פון די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע גופא.

אין אַ מעמאָראַנדום וואָס די פערוואַלטונג פון דער חלוצים־קאָלאָניע האָט צוגעשטעלט צו דעם ערד־קאָמיסאַריאַט אין קרים ווערט מיטגעטיילט, אַז די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע האָבען בעשלאָסען, צו פערלאָזען די קאָלאָניע דערפאַר. ווייל מען צווינגט די פערוואַלטונג אַריינצונעהמען אין דער קאָלאָניע מיטגלידער נישט קיין חלוצים, וואָס שטערט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון דער קאָלאָניע.

די פערוואַלטונג פון „משמר" פאָדערט פון ערד־קאָמיסאַריאַט ווי אַמשנעלסטען איבערצונעהמען די ווירטשאַפט פון דער קאָלאָניע, ווייל די מיטגלידער ווילען פערלאָזען די קאָלאָניע וואָס פריהער כדי צו קענען בעצייטענס זיך משתדל זיין ביי דער צענטראַלער מאַכט וועגען ערלויבען אַרויסצופאָהרען קיין ארץ־ישראל.

פאַרלאַמענט אין ליכטענשטיין
וואַרפט אָפּ דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגען שחיטה־פערבאָט

וואַדוז (ליכטענשטיין). (יט"א). מיט 11 שטימען געגען 4 האָט דער לאַנדטאַג פון פירשטענטום ליכטענשטיין אָפּגעוואָרפען דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגען פערבאָטען יודישע שחיטה. לויט דער בעשטימונג פון דער קאָנסטיטוציע וועט וועגען דעם ענין פאָרקומען אַ פאָלק־אָפּשטימונג.

ווי בעקאַנט האָט די שחיטה־פראַגע אין ליכטענשטיין אַ גרויסע בעדייטונג פאַר די שווייצאַרישע יודען, וועלכע בעקומען כשר'ע פלייש פון ליכטענשטיין צוליב'ן שחיטה־פערבאָט אין שווייצאַריען.

נייע פערוואַלטונג פון יודישען פען־קלוב אין אַמעריקע

ניו־יאָרק, (יט"א) דאָ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודישען פען־קלוב, אויף וועלכער עס איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג. דוד פּינסקי איז ווידער אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט, ה' לייוויק — וויצע־פּרעזידענט, אפרים אויערבאַך — סעקרעטאַר, לעאָן קאָברין און א. גלאַנץ־לעיעלעס פערוואַלטונגס־מיטגלידער.

אַלס גאַסט אויף דעם אָוועגד איז אָנוועזענד געווען דר. יהושע גאָטליב, וויצע־פּרעזידענט פון יודישען ליטעראַטען־פעראיין אין וואַרשאָ, דר. גאָטליב האָט דערצעהלט פּרטים פון'ם יודישען קולטור־לעבען אין פּוילען. די פערזאַמלונג האָט אויך אויסגעהערט אַ בעריכט וועגען דעם יודישען און העברעאישען שול־וועזען אין פּוילען.

אַ יוד — וויצע פינאַנץ־מיניסטער אין הובער'ס רעגירונג

וואַשינגטאָן, (יט"א) דר. יוליוס קליין איז נאָמינירט געוואָרען אַלס וויצע־האַנדעלס־מיניסטער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

דר. קליין וועלכער איז אַ בעוואוסטער יודישער סטאַטיסטיקער איז פאַר די לעצטע אַכט יאָהר געווען הויפּט־דירעקטאָר פון דער רעגירונגס־ביוראָ, וועלכע האָט אויפזיכט איבער אַמעריקאַנישען און אויסלענדישען האַנדעל.

אַ לעגענדע פון אונזער צייט
די גדולה און ירידה פון אַלפרעד לעווענשטיין

(סוף).

לעווענשטיין האָט ליב מוזיק. ביי קאָנצערטען פלעגט ער זיצען די אויגען פערמאַכט, און אונטער דעם איינפלוס פון מוזיק־טענער, פלעגט זיין קאָפּ אויסטראַכטען די שאַרפסטע פינאַנציעלע קאָמבינאַציעס, ער פלעגט אַרויסלויפען פון זאַל און איבערגעבען זיינע אינסטרוקציעס צו זיינע סעקרעטאַרען.

לעווענשטיין פלעגט זיך אָפּרוהען אין זיינע צוויי פערוויילונגס־פלעצער, אין אַ היסטאָרישען פּאַלאַץ אין ענגלאַנד און אין זיין ווילע אין ביאַריץ (פראַנקרייך). די גרעסטע לוקסוסען פון דער וועלט האָבען דאָרט נישט געפעהלט. די יאַגדען אין ענגלאַנד און די נאַכט־פעסטען אין ביאַריץ האָבען אָפּגעקאָסט שווערע מיליאָנען.

אַז ער פלעגט קומען קיין ביאַריץ, פלעגט די אָרטיגע טעלעגראַף־סטאַנציע אַרויסרופען פון באָרדאָ צוויי עקסטרא טעלעגראַפיסטען פאַר לעווענשטיינס געשעפטען. ביז דריי ביינאַכט פלעגט ער וואַכען ביי פערשידענע פערוויילונגען און טאָג דערביי געבען אינסטרוקציעס זיינע מיטאַרבייטער ווי אָנצופיהרען די מאָרגענדיגע בירזשע־באַטאַליע, און 7 פריה איז ער שוין געשוואומען אין ים מיט אַ חברה פריינד. אָפט מאָל פלעגט ער אַרויסשיקען זיינע אַעראָפּלאַנען קיין לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, בריסעל און פּאַריז, כדי צו ברענגען זיינע פריינד אין זיין ביאַריצער רעזידענץ.

לעווענשטיין איז שוין געווען פעררעכענט אַלס דער דריטער רייכער מאַן אין דער וועלט. אין אַלע פינאַנציעלע קרייזען האָט מען נאָכגעשפּירט דעם חוצפה'דיגען פינאַנסיסט, וועלכער האָט רואינירט נישט איין אונטערנעהמונג און געשטאַנען אויף דעם וועג פון די אַלטע איינגעפונדעוועטע באַנקיר־הייזער. און לעווענשטיינ'ען איז נישט געווען שווער נאָכצושפּירען, יעדע קלענסטע נסיעה זיינע איז בעוואוסט געווען דער וועלט. זיין גאַנצע טעטיגקייט איז דורכגעגאַנגען פאַר דער עפענטליכקייט. און מ'האָט זיך אויף איהם פערנומען פון עטליכע זייטען און צוגעגרייט אַן אָנגריף.

לעווענשטיין ווערט נאָך מעהר בעקאַנט דער וועלט דורך זיין אָנבאָט דער בעלגישער רעגירונג אין 1925. פון אַ הלוואה פון פופציג מיליאָן דאָלאַר צו סטאַביליזירען דעם פראַנק... די בעלגישער רעגירונג האָט איהם איינגעלאַדען אויף אַ געשפּרעך ער האָט געכאַפּט אַן אַעראָפּלאַן און געקומען. ער האָט אָבער געשטעלט בעדינגונגען: די אייזענבאַהנען אַלס משכון און גאַראַנטיע פאַר די צינזען. די בעלגישע רעגירונג האָט דעם פּלאַן אָפּגעוואָרפען און אָנגעהויבען צו קוקען מיט חשד אויף דעם אויפגעקומענעם גביר.

די אַנטי־לעווענשטיין־קאָאַליציע גרייט זיך צום קאַמף. אין איהר געהן אַריין היינעמאַן, אַ יוד, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען חלק אין דעם לעצטען מאַראָקאַנער קריג, באַראָן פינאַלי, אַן אונגאַרישער יוד, וואָס וואוינט אין פּאַריז און שפּילט הינטער די קוליסען אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער פינאַנציעלער וועלט, די דרייפוס־גרופּע פון לאָנדאָן, מ'שפּינט פאַר לעווענשטיין אַ נעץ און אין דעם פאַראויסגעזעהענעם מאָמענט פאַלט ער אַהין אַריין.. זיינע פּאַפּירען ליידען אַ שרעקליכע ירידה און ער נעהט קוים אַרויס בשן ועין: ער פערלירט 600 מיליאָן פראַנק און זיינע מיטלויפער פערלירען אַ מיליאַרד.

לעווענשטיין פיהלט אַ שטאַרקען קלאַפּ אין קאָפּ, ער ווערט נערוועז, ווי אַ לייב, וואָס זעהט נישט די פליגען, וועלכע בייסען איהם פון אַלע זייטען. ער שלאָפט שלעכט און נעהט זיך נאָכפרעגען ביי מעדיומים וועגען זיין גורל...

ער האָט נישט איינמאָל בעציהונגען מיט ספּיריטען און כיראָמאַנטיקער, נאָך בשעת ער איז אַלט געוואָרען 25 יאָהר האָט מען איהם נביאות געזאָגט, אַז ער וועט דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון מאַכט און דערנאָך אַראָפּפאַלען ווי אַ מעטעאָר.

איהם פעהלט אָפט אויס לופט צו אָטעמען. ער ברעכט אויס אַ פענסטער מיט דעם קולאַק, כדי צו כאַפּען לופט. מ'בעמערקט סימפּטאָמען פון אַן אַלגעמיינעם פּאַראַליטש.

לעווענשטיין כאַפּט נאָך אַמאָל אַ פּאָר קלעפּ, און דאַרף אָנקומען לייהען געלד ביי אַן ענגלישער באַנק, וואָס איז קאָנטראָלירט דורך דער מאָרגאַן־באַנק פון ניו־יאָרק. ער פאָהרט קיין אַמעריקאַ מיט דער גרעסטער פּאָמפּע און רעקלאַמע. אָבער די דרייפוס־גרופּע האָט שוין געאַרבייט געגען איהם אין די מאָרגאַן־קרייזען און היינעמאַן האָט געשטעלט געגען איהם דעם „סטאַנדאַרט אויל", ער קומט צוריק פון אַמעריקאַ מיט גאָרנישט.

ער פּרובט זיך צו פערכאַפּען די רעגירונגס־באַנק אין בריסעל און כאַפּט אַ מפּלה אויף דער אַקציאָנערען־פערזאַמלונג.

ער לויפט קיין לאָנדאָן, כדי אָפּצושטופּען דעם טערמין, ווען ער דאַרף צאָהלען אין אַן ענגלישער באַנק זיין חוב. די באַנק נעהמט נישט אָן זיין פאָרשלאַג.

דערווייל לויפט זיין [illegible] אין די געיעגען און ער פּאָמפּעט אַרויס 3 מיליאָן דאָלאַר געווינס. די בוך־מייקערס האָבען אַזוי פיל געלד נישט געהאַט אויסצוצאָהלען, ער פאָרערט... זיינע פיינד פערמעהרען זיך.

אום דעם 4־טען יולי 1928 פליהט ער צוריק קיין בריסעל, כדי צוצוגרייטען די פּאָזיציעס, אויף וועלכע ער זאָל זיך צוריקציהען... ער האָט נאָך פערמאָגט 35 מיליאָן דאָלאַר, דעם זעלבען אָוועגד קומט פאָר אין לאָנדאָן אַ מיטינג פון דער אַנטי־לעווענשטיין קאָאַליציע, וואָס גרייט צו דעם טויט־קלאַפּ פאַר דעם געגנער...

לעווענשטיין איז אין אַעראָפּלאַן מיט זיינע צוויי סעקרעטאַרען, וועמען ער דיקטירט. דער דינער גרייט צו דעם פּאַטראָן די אָוועגד־קליידער, כדי אין בריסעל, זאָל ער פאָהרען דירעקט צום טיש.

לעווענשטיין פיהלט זיך נישט גוט, ער געהט אַלע מאָל אין וואַש־צימער. עס פעהלט איהם לופט. ער זוכט אַ טיר, אַ פענסטער, מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ, פון גוף עפענט ער די אויסענווייניגסטע טיר פון אַעראָפּלאַן און די ליידיגקייט שלינגט איהם איין.

אַ נישט־ווילענדיגער זעלבסטמאָרד, אַ פאַטאַליטעט.

אין זיין משפחה זענען געווען פיל זעלבסטמערדער, אַלפרעד לעווענשטיין געהערט נישט צו די, וואָס האָבען אַ לאַנגע נסיעה, ער האָט דערפיהלט, אַז מען גרייט פאַר איהם דעם טויט־קלאַפּ און אַז ער איז נישט בכוח פון איהם זיך אויסצוהיטען, איז ער פערשוואונדען געוואָרען פון דער סצענע און געלאָזט זיינע געגנער אין אַ גרויסער פערלעגענהייט. זיי אַליין האָבען געמוזט קעמפען, כדי אָפּצושטעלען די ירידה פון לעווענשטיינס פּאַפּירען. זיי האָבען אָבער דערנאָך נישט ווייניג פון איהם אָנגעירשנ'ט.

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

נייער פאָלקסבלאַט

8 מיטוואָך — כח ניסן תרפ"ט

מאי

זון-אויפגאַנג 3.59

זון-אונטערגאַנג 7 08

ס'ווערט געמאַכט אַ סוף צו די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יודען אין שענקעוויטש-פּאַרק

נעכטיגער אַלאַרם פון „נייעם פאָלקסבלאַט" האָט געווירקט

(—) אונזער נעכטיגער אַלאַרם וועגען די אונערהערטע כוליגאַנישע איבערפאַלען אויף יודישע שפּאַצירענגרע אין די שטאָטישע פּאַרקען און בעזונדערס אין שענקעוויטש-פּאַרק, האָט געהאַט דעם געהעריגען ערפאָלג.

די וואָיעוואָדזשטווע האָט גלייך נאָכדעם, ווי זי האָט גענומען צו קענטניש אונזער נעכטיגער נאָטיץ, פאַראָרדענט די שטעטישע סטאַראָסטאַ, אַז אין די שטאָטישע פּאַרקען, און בעזונדערס אין שענקעוויטש-פּאַרק, זאָל זיך געפינען פערשטאַרקטע פּאָליציי-פּאַטרולען, וועלכע זאָלען קענען זיכערען די אָרדנונג אין די פּאַרקען און די זיכערקייט פון די שפּאַצירענגרע.

די שטעטישע סטאַראָסטאַ האָט די פאַראָרדנונג גלייך אויסגעפיהרט און שוין נעכטען האָבען אין די שטאָטישע פּאַרקען ריוושוירירט פּאָליציאַנטען און די כוליגאַנישע אָנפאַלען האָבען זיך טאַקע נישט איבערגע'חזר'ט.

אַ חוץ דעם, האָט שטיצענדיג זיך אויף אונזער אַלאַרם, ראַטמאַן האַלענדערסקי געכטען אינטערווענירט, וועגען שלאָגען יודען אין די שטאָטישע פּאַרקען, ביים וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי, דער וויצע-פּרעזידענט האָט געענטפערט, אַז איהם איז שוין בעקאַנט די נאָטיץ פון „נייעם פאָלקסבלאַט" און האָט זיך אין דער אָנוועזענהייט פון ראַטמאַן האַלענדערסקי געווענדעט צום שטעטישען סטאַראָסטאַ וועגען אָרגאַניזירען די זיכערקייט אין די שטאָטישע גערטנער. וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי האָט זיך אויך געווענדעט צו דער אָפּטיילונג פון די שטאָטישע פּלאַנטאַציעס, אַז די לעצטע זאָל אָנגעהמען מיטלען, אַז די אָנפאַלען אויף יודען אין די גערטנער זאָלען אויפהערען.

צוליב די ענערגישע מיטלען, וועלכע זענען איצט אָנגענומען געוואָרען קען מען האָפען, אַז די יודישע שפּאַצירענגרע וועלען קענען רוהיג געניסען פון דער לופט אין די שטאָטישע גערטנער.

מיליטערישע איבונגען

(—) דער אָנפיהרער פון לאָדזער ה. אָ. ק, גענעראַל מאַלאַכאָווסקי האָט פערעפענטליכט פאָלגענדע בעקאַנטמאַכונג וועגען רופען אין יאָהר 1929 אויף מיליטערישע איבונגען.

עס וועלען גערופען ווערען:

1) אונטעראָפיצירען און זעלנער פון רעזערווע און אַלע מינים מיליטער, וועלכע האָבען געראַפּט אַרורכמאַכען די מיליטערישע איבונגען אין יאָהר 1928 און האָבען די איבונגען צוליב וועלכע עס איז סיבּות נישט דורכגעמאַכט:

2) אונטעראָפיצירען און רעזערווע-זעלנער פון יאָהרגאַנג 1903 און רעזערווע-אונטעראָפיצירען פון 1896 פון פאָלגענדע מינים געוועהר: פּיעכאָטע, טאַנקען, אַרטילעריע, סאַפּיערען און אויטאָ-פּערבינדונג;

3) אונטעראָפיצירען און זעלנער פון יאָהרגאַנג 1903 ווי אויך ספּעציאַליסטען פון 1902 אין דער לופט-פליהעריי;

4) רעזערווע-זעלנער פון יאָהרגאַנג 1903 אין דער זשאַנדאַרמעריע;

5) רעזערווע-אונטעראָפיצירען פון 1903 פון טאַבאָר, געזונדהייטס-דינסט, און אינטענדענטור;

6) אונטעראָפיצירען און זעלנער פון 1903, וועלכע האָבען געענדיגט דעם אונטעראָפיצירען-קורס און

7) אונטעראָפיצירען און מאַטראָסען פון 1903 נאָר די וועלכע זענען צוגעטיילט צום פּינסקער פלאָט.

די אויבענדערמאָנטע רעזערווע-זעלנער וועלען בעקומען פון פּ. ק. או. אַ נאָמענטליכע אויפפאָרערונגס-קאַרטע מיט אַ בעשטימונג פון דער פאָרמאַציע און טערמין פון שטעלען זיך.

די גערופענע אויף איבונגען דאַרפען אויפ'ן קורצסטען וועג קומען אין דער מיליטער-פאָרמאַציע, וועלכע איז אויסגערעכענט אין דער נאָמענטליכע אויפפאָרערונגס-קאַרטע.

דער איבונגס-פליכטיגער דאַרף אַרויספאָהרען פון דערהיים מיט אַזאַ אויסרעכנונג, אַז ער זאָל זיין אין דער מיליטער-פאָרמאַציע אינ'ם טאָג און שעה, וואָס איז בעשטימט אין דער אויפפאָרערונגס-קאַרטע.

אין דער בעשטימטער מיליטער-פאָרמאַציע דאַרף מען צופאָהרען מיט דעם בחנמ'דיגען באַהן-בילעט, וועלכער איז צוגעלעגט צו דער אויפפאָרערונגס-קאַרטע.

די אויפפאָרערונגס-קאַרטע דאַרף מען אָפּגעבען אין דער מיליטער-פאָרמאַציע. דער רעזערוויסט איז פערפליכטעט מיטצוברענגען מיט זיך און פאָרשטעלען אין דער מיליטער-פאָרמאַציע זיין מיליטער ביכעל און מאָביליזאַציע-קאַרטע.

בעפרייט פון איבונגען זענען: רעפּוטאַטען, צום סיים און סענאַטאָרען, צייטווייליגע בעפרייט אין פאַל פון אַ מאָביליזאַציע אויף 12 חדשים, פּערזאָנען, וואָס דינען אין דער מלוכה-פּאָליציי. עס מאַכען נישט דורך קיין מיליטער-איבונגען פּערזאָנען, וואָסזענען אויסגעשלאָסען פון אַלגעמיינעם מיליטער-דינסט אויפ'ן גרונד פון אוסטאַוו וועגען אַלגעמיינעם מיליטער-דינסט-פליכט.

פּראָלאָנגאַציעס בעקומען אויטאָמאַטיש די יעניגע, וועלכע האָבען הייי-יאָהר געענדיגט דאָס אַקטיווע מיליטער-דינסט.

פּראָלאָנגאַציעס ביז צום צווייטען טורנוס אָדער ביז צום צווייטען יאָהר קענען בעקומען:

וועלכע זיצען אין טורמע, וועלכע געפינען זיך לעגאַל אין אויסלאַנד אָדער וועלכע האָבען שוין ערלויבניש אַרויסצופאָהרען קיין אויסלאַנד,

רעזערוויסטען, וועלכע וואָלטען געוואָלט בעקומען פּראָלאָנגאַציעס צוליב אַ טויט-פאַל אין זייער פאַמיליע, אָדער אַנדערע זעהר וויכטיגע סיבּה, דאַרף אַריינטראָגען אין פּ. ק. או. (נישט אין קריגס-מיניסטעריום) מאָטיווירטע ביטעס מיט דאָקומענטען לכל הפּחות 4 וואָכען פאַר'ן צושטעלונגס-טערמין. אויב ס'וועט נישט קומען קיין ענטפער ביז דעם צושטעלונגס-טערמין דאַרף זיך דער געגעבענער רעזערוויסט צושטעלען צו די איבונגען.

פּראָפעסאָרען, ראָצענטען, אַסיסטענטען, לעהרער און שילער פון אַלערליי שולען וועלען גערופען ווערען אויף איבונגען אין די זומער-חדשים וועלכע זענען פריי פון לימודים.

די וואָס וועלען זיך נישט צושטעלען וועלען בעשטראָפט ווערען מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון געזעץ.

די אַלע, וואָס דאַרפען הייי-יאָהר מיטמאַכען די מיליטער-איבונגען און האָבען נאָך נישט קיין מאָביליזאַציע-קאַרטע אָדער האָבען נישט געמאָלדען דער מיליטער-פּאָליצייאישע ביוראָ זייער לעצטען אַדרעס דאַרפען זיך אונבעדינגט תּכף מעלדען אין מיליטער-פּאָליצייאישען ביוראָ.

אַ פאַלשער רעיענטאַלער אַקט

עס האָט זיך איהם פערגלוסט יענעמס חלק ירושה. וועט ער דערפאַר אָפּזיצען 6 חדשים אין תּפיסה

(וו) אברהם הערש וואַגאָווסקי, וועלכער וואוינט שוין 10 יאָהר אין רוסלאַנד, האָט בעקומען אין לאָדז בירושה פון זיין זיידען יאַנקעל ראַראָמסקי אַ חלק פון הויז, דרעווגאָווסקאַ 4.

אין אויגוסט פ. י., האָט אברהם הערש וואַגאָווסקי אַ בעפולמעכטיגונג, ער זאָל פערקויפען גאָווסקי אַ בעפול'מעכטיגונג, ער זאָל פערקויפען זיין חלק ירושה.

יעקב לייב וואַגאָווסקי האָט זיך פערשטענדיגט מיט אַ קונה אַ געוויסען יצחק וואַנדבערג. און עס איז נאָר געבליבען נאָכצוזעהען אין דער היפּאָטעק אָפּטיילונג דעם יורידישען צושטאַנד פון דער אומבעוועגליכקייט. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַ מערקווירדיגע זאַך. אין די אַקטען איז געווען אַ רעיענטאַלער אַקט, אַז אברהם הערש וואַגאָווסקי האָט פאַראַיאָהרען פערקויפט זיין רעכט אויף דעם חלק הויז אַ געוויסען משה ראַראָמסקי פון זגערזש. די מעשה איז געוואָרען קשה: ווי אַזוי האָט אברהם הערש וואַגאָווסקי, וועלכער געפינט זיך שוין צעהן יאָהר אין רוסלאַנד געקענט פאַראַיאָהרען אונטערשרייבען דעם רעיענטאַלען אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען ביים רעיענט לאַרי אויף קאָנסטאַנטינער גאַס.

יעקב לייב וואַגאָווסקי האָט דעם ענין איבערגעגעבען דער פּראָקוראַטור. די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז פאַראַיאָהרען איז אין קאַנצעלאַריע פונ'ם רעיענט לאַרי געקומען משה ראַראָמסקי מיט אַ יונגענמאַן, וועלכען ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס אברהם הערש וואַגאָווסקי און מען האָט בעשטעלט אַנ'קויף- און פערקויף-אַקט. דער יונגער מאַן האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין ענטשפּרעכענדע פערזענליכע דאָקומענטען, האָט משה ראַראָמסקי אַליין בעשטעטיגט די אידענטישקייט פון דעם יונגענמאַן אַלס אברהם הערש וואַגאָווסקי און דער אַקט איז געגענזייטיג אונטערגעשריבען געוואָרען.

אויפ'ן פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגעקומען נעכטען אין קרייז-געריכט, האָט משה ראַראָמסקי גע'טענה'ט, אַז אברהם הערש וואַגאָווסקי איז פאַר אַ יאָהרען אונלעגאַל געקומען קיין לאָדז און האָט איהם זיין חלק ירושה פערקויפט.

דער עקספּערט קאַליגראַף געפינט נישט קיין עהנליכקייט אין אונטערשריפט פון אברהם הערש וואַגאָווסקי מיט דעם אונטערשריפט אויפ'ן רעיענטאַלען אַקט.

די געריכט האָט פער'משפּט דעם בעשולדיגטען משה ראַראָמסקי אויף 6 חדשים טורמע.

אַ לעמבערגער באַנקראָט, פון וועלכען עס האָט געליטען לאָדז

גאַליציען. בפרט לעמבערג און קראָקא האָבען גע'שם'ט מיט זייערע רעעלע סוחרים. די גאַליציאַנער פלעגען נישט ליבען געבען צו פערדינען, אָבער דאָך פלעגט מען ביי זיי גערן לייזען און געבען אַ פּעקעל, ווייל מ'איז כמעט ווי געווען זיכער, אַז דער וועקסעל וועט בעצאָלט ווערען. לעצטענס האָט די גוטע רענאָמע פון די ראָזיגע סוחרים אָנגעהויבען קאַליע צו ווערען און פּליטות ראָרט זענען אַנ'אָפּטע ערשיינונג. אַ סענסאַציאָנעלער פאַל איז פאָרגעקומען די טעג אין לעמבערג. דאָרט איז גוט געווען בעקאַנט די פירמע „גאַלאַנטעריע-צענטראַלע" (גאָלוכאָווסקיך 10), די ראָזיגע פירמע האָט אַמאָל געהערט צו צוויי שותּפים — שאַפּיראָ און מייזעלעס.

אין דעצעמבער 1928 איז שאַפּיראָ אַרויסגעטראָטען פון דער פירמע און זי איז ווייטער געפיהרט געוואָרען דורך מייזעלעס, וועלכער איז בעקאַנט געוואָרע אונטערן נאָמען דער „גאַלאַנטעריע-קעניג". איבערנעהמענדיג די פירמע האָט מייזעלעס געמאַכט אין לאָדז גרויסע קניות, נאַטירליך אויף וועקסלען. די סחורות פלעגט ער אין לעמבערג פערקויפען פאַר מזומן אונטערן פּרייז און שטאַרק פערקאָנקורירט אַלע סוחרים פון זיין בראַנזשע.

ווען די לאָדזער סוחרים האָבען זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָבען זיי בעשלאָסען איהם מעהר נישט קרעדיטירען און אויהם וועגען דעם מיטגעטיילט. אָבער מייזעלעס זעהט אויס האָט שוין געהאַט גענוג: ער האָט אָנגענומען פעקלעך אויף אַ האַלבען מיליאָן זלאָטיס און דעם 22. אַפּריל אָפּגעשטעלט די צאָהלונגען, וועלענדיג קומען צו אַנ'אויסגלייך מיט די סוחרים האָט מייזעלעס זיי פאָרגעשלאָגען 80 פּראָצ. די סוחרים זענען אָבער דערויף נישט בעשטאַנען און האָבען וועגען דעם אָנגעמאָלדען דער פּראָקוראַטור. וועלכע האָט פעראָרדענט מייזעלעס'ען צו אַרעסטירען.

בעת דער רעוויזיע, וועלכע מ'האָט ביי מייזעלעס'ען אַרורכגעפיהרט האָט מען ביי איהם געפינען 1800 דאָלאַר אין מזומן און קונדישע רעמיסען אויף 50,000 זל. דאָס אַלץ האָט ער געהאַלטען ביי זיך, בעת אַלך רעקנונג פאַר די לאָדזער סוחרים האָט ער אויסגעשטעלט איינענע וועקסלען, וועלכע ער האָט שפּעטער געלאָזט צו פּראָטעסט.

דער אַרעסט פון מייזעלעס'ען, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ סאָלידען סוחר, האָט אין די סוחר'ישע קרייזען אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע סענסאַציע. נישט קיין קלענערע סענסאַציע האָט אַרויסגערופען דאָס אָפּשטעלען די צאָהלונגען פון דער בעקאַנטער פירמע „יודייגניוויש" (קאָזשמיערזשאָווסקאַ) די פירמע, וואָס האָט געפיהרט אַ הורט-האַנדעל מיט טעקסטיל- און טריקאָטאַזש-סחורות איז שולדיג אין לאָדז אַ פּאָר טויזענד דאָלאַר.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען-און הארץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינסטליכע

אין דער היים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

Dr. med. ALBERT GOTLIB

פּיעטריקאָווער 26. טעל. 50-77.

אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען-קראַנקה.

נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אָוונד.

4340

פאַבאָר פון יאָהרגאַנג 1908

היינט דאַרפען זיך שטעלען צו דער פאַבאָר-קאָמיסיע נומער 1 (פּאָמאָרסקאַ 18) די מאַנספּערשוינען פון יאָהרגאַנג 1908, וואָס וואוינען אין 3-טען קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען אויף B.

פאַבאָר-קאָמיסיע נומער 2 (אָנדראַדאַ 34) דער יאָהרגאַנג 1908 פון 1-טען קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען אויף R. S.

פאַבאָר-קאָמיסיע נומער 3 (זאַקאָנטנאַ 82) דער יאָהרגאַנג 1906 מיט קאַטעגאָריע „B" פון יאָהר 1927 פון 10-טען און 13-טען קאָמיסאַריאַט פון A ביז K

רעגיסטראַציע פון „פּרעמדע"

(—) היינט דאַרפען זיך מעלדען די פּרעמדע אויף קילינסקי גאַס 152, ביי וועלכע די פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט דעם אות P.

ביים רעגיסטרירען דאַרף מען האָבען ביי זיך די פּערזענליכע דאָקומענטען, אַ צייגניש פון אידענטישקייט און צוויי פאָטאָגראַפיעס.

וועגען שטייער-רעקורסען

(2) ביז איצט פלעגען די לייטער פון די פינאַנץ-אַמטען זיין בערעכטיגט פּראָוויזאָריש צו ערלעדיגען רעקורסען. דאָס האָט לייכטער געמאַכט דאָס ערלעדיגען די רעקורסען אין די אַפּעלאַציע-קאָמיסיעס און דאָס מיניסטעריום פלעגט בעקומען די רעקורסען מיט אַ פאָרשלאַג פונ'ם לייטער פון פינאַנץ-אַמט.

היי-יאָהר איז אַזאַ פולמאַכט פאַר די לייטער נישט אַרויסגעגעבען געוואָרען און דאָס ערלעדיגען די רעקורסען וועט זיך נאָך מעהר פערציהען ווי ס'איז געווען ביז אַהער.

אַרבייטסלאָזע דעלעגאַציע געפאָהרען קיין וואַרשא

(2) נעכטען זענען אַרויסגעפאָהרען קיין וואַרשאַ דעפּ. קאָוואַלסקי און די ה"ה וואָידאַן און יאַרדאַן. די דעלעגאַציע וועט אין נאָמען פון די אָנגעשטעלטע אין די אינסטיטוציעס פאַר עפענטליכען געברויך אינטערווענירען אין אַרבייטס-מיניסטעריום וועגען בעשטימען קרעדיטען אויף עפענטליכע אַרבייטען, כדי צו בעשעפטיגען די אַרבייטסלאָזע אין לאָדז. די זעלבע דעלעגאַציע וועט אויך אינטערווענירען אין באַהן-מיניסטעריום וועגען אָנהויבען די אַרבייטען ביים בויען דעם וואָקזאַל אין ווידזעוו. און אין מיניסטעריום פאַר עפענטליכע אַרבייט, וועגען אָנהויבען די אַרבייטען אויף די וועגען.

כדי צוצואיילען די ערלעדיגונג פונ'ם ענין, וועט די דעלעגאַציע זיך בעמיהען אויך ביים פּרעמיער-מיניסטער און ביים פינאַנץ-מיניסטער.

לעגאַליזירט אַ נייעם טעקסטיל-אַרבייטער-פעראיין

דער הויפּט-אַרבייטס-אינספּעקטאָר האָט לעגאַליזירט אַ נייעם פעראיין פון טעקסטיל-אַרבייטער, אונטער דעם נאָמען „פּראָפ. פעראיין פון אַרבייטער אין דער טעקסטיל-אינדוסטרי אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע". דער פעראיין האָט געעפענט אַנ'אָפּטיילונג אין לאָדז ספּעציעל פאַר שערער-אַרבייטער.

ווערש אויף ראַטעס!

אויבערהעמדער, נאַכטהעמדער

פון די בעסטע פּאָפּעלינען, זעפירען און אַנדערע שטאָפען קען מען בעקומען אַמביליגסטען נאָר אין דער בעקאַנטער וועש-פּראַצאָווניע פון

י. וואַראַביעטשיק, 41 קילינסקי 41.

לאדזער סחורות פאר סאוויעט-רוסלאנד און ליטא

ווי בצוואוסט האבען זיך שוין פון לאנג בעפיהרט אונטערהאנדלונגען צווישען די פאר-שטעהער פונם סאוויעטישען „צענטראסאיוז" און די היגע פירמעס, וועגען קויפען מאנופאקטור פאר סאוויעטען-רוסלאנד. די אונטערהאנדלונגען האבען זיך ענדליך פארענדיגט מיט א טראנזאקציע אויף 700,000 דאלאר. עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דער „צענטראסאיוז" האט דאס מאל געקויפט די סחורה נישט ביי די גרויס-אינדוסטריעלער-פירמעס, ווי שייבלער און גראהמען, גייער, קרושע און ענדער, וועלכע פלעגען פריהער צו-שטעלען די סאוויעטען כחורות נאר ביי מיטעלע פירמעס.

די געקויפטע סחורה דארף צוגעשטעלט ווע-רען די סאוויעטען אין יוני, יולי און אויגוסט. קרעדיטען האבען די אינדוסטריעלער ערטיילט אויף צוויי יאהר.

* * *

קיין לאדז איז געקומען א גרופע ליטווישע סוחרים און אנגעהויבען אונטערהאנדלען מיט א רייה פירמעס וועגען א גרעסערען איינקויף פון מאנופאקטור.

אין האנדעל צווישען פוילען און ליטע זענען זעהר פאראינטערעסירט די ווירטשאפטליכע קריי-זען פון ביידע לענדער.

ווי עס ווייזט זיך ארויס האט די קאנפערענץ צווישען דער דעלעגאציע פון די פוילישע בענק מיט דער דירעקציע פון מלוכה'שען ליטווישען באנק און מיט דעם פעראיין פון די ליטווישע בענק, קאנקרעט געבראכט דערצו, אז איינציגע פוילישע בענק האבען מסכים געווען, אין די האנדעלס בעציהונגען מיט ליטע, צו האנארירען די טשעקען פון איינציגע גרעסערע קאוונער בענק.

שטרענגע שטראף פאר א בייזוויליגען באנקראט
סענסאציאנעלער פראצעס אין קרייז-געריכט

אין יאהר 1927 האט דער לעדער-סוחר יוסף דוד פוקס איינגעקויפט גרעסערע סכומים לעדער און בעצאהלט דערפאר מיט וועקסלען אויף א סימע פון 34,800 זל. די אלע וועקסלען זענען נישט בעצאהלט געווארען און זענען פראטעסטירט גע-ווארען. דעם 27-טען אויגוסט 1927 האט זיך פוקס געווענדעט צום האנדעלס-געריכט מיט א ביטע צו ערקלערען איהם פאר באנקראט. פוקס האט אנגעוויזען זיין אקטיוו בעטרעפט 15,464 זל., אבער די פראטעסטירטע וועקסלען בעטרעפען 34 טויזענד 800 זל.

דעמאלט האבען פוקס קרעדיטארען אנגע-געבען צום פראקוראר אנ'אנקלאגע, אז פוקס האט אינגרעוועלבער צייט, וואס ער האט זיך ערקלערט פאר באנקראט איינגעקויפט פאר גרויסע סומעס סחורה אויף וועקסלען און די סחורה ערגיץ ייאו בעהאלטען.

דער פראקוראר האט דעם ענין איבערגעשיקט צום אויספארשונגס-אמט, וועלכער האט פעסט-געשטעלט, אז דער בילאנס, וואס פוקס האט צו-געשטעלט צום האנדעלס-געריכט איז נישט קיין ריכטיגער. די גרויסע צאהל סחורה, וואס פוקס האט איינגעקויפט אויף וועקסלען, וועלכע זענען פראטעסטירט געווארען, האט ער אוועקגעשיקט צו קיין פויזען, וואו ער האט זיי געפרובט צו פערקויי-פען. צוליב די דאזיגע ענטדעקטע מאכינאציעס, איז פוקס צוגעצויגען געווארען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט און איז ארעסטירט געווארען.

נעכטען איז אין לאדזער קרייז-געריכט פאר-געקומען דער פראצעס געגען סוחר יוסף דוד פוקס. פוקס האט זיך נישט מודה געווען, דאגעגען די אַ-רויסגערופענע 26 עדות האבען בעוויזען די שולד פון אנגעקלאגטען. נאך די רעדעס פון פראקוראר און אדוואקאט קאבילינסקי, האט דאס געריכט ארויסגעטראגען אנ'אורטייל, לויט וועלכען פוקס איז פער'משפט געווארען אויף אנדערטהאלבען יאהר תפיסה און פערלירע אלע רעכט.

בעזייטיגט די גאסען-בעטלעריי

(2) ווי בעקאנט פיהרען די שטעטישע זעלבסט פערוואלטונגען אין פוילען א קאמף מיט דער גאַ-סען-בעטלעריי.

אין לאדז האט דער קאמף שוין געגעבען זעהר בעדייטענדע רעזולטאטען. ווי עס ערקלערט דער ניק פורטאל איז דאס גאסען-בעטלעריי אין לאדז שוין כמעט אויסגעראט. עס זענען נאך פערבליבען בעטלער ביי די קאשטשאלען און אויף די בית-עלמינס. אלע בעטלער, וועלכע מען כאפט אויף דער גאס, ווערען צוגעצויגען צו פעראנטווארטליכ-קייט. אלטע און קאליקעס ווערען אפגעפיהרט אין מושב זקנים אדער ארבייטס-הייזער.

שווער איז צו בעקעמפען די בעטלערשאפט ביי די אזוי גערופענע וואנדער-בעטלער.

אין אלגעמיין איז צו בעמערקען, אז די בעט-לער ווארפען זעהר נישט גערן אוועק זייער פאך, כאטש עס מאכען זיך פאלען, ווען אלטע בעטלער קומען אליין און בעטען מען זאל זיי בעארגענ ערגיץ.

אזוי האט זיך מיט א צייט צוריק אליין גע-מאלדען אנ'אלטע בעטלערין און ערקלערט, אז זי בעטעלט שוין עטליכע צעהנדליג יאהר, אז זי האט א וואהן מיט וועלכען זי לעבט נישט בשלום, און זי וויל איצט, מען זאל זי אריינגעהמען (אין א מושב זקנים. זי האט דערביי בעוויזען, אז זי האט אפגעשפארט אביסעל געלד און ארויסגענו-מען 5000 זל.

פערזאמלונג פון מאגאזין-שניידער-מייסטער

די טעג איז פארגעקומען די יעהרליכע אל-געמיינע פערזאמלונג פון מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין.

א טעטיגקייטס בעריכט האט אפגעגעבען דער וויצע-פארזיצער ה' ראדאשיצקי. ער האט אנגעוויזען, אז אינטער זעהר שווערע בעדינגונגען איז די פערוואלטונג אויסגעקומען צו ארבייטען. די כוחות זענען צושפליטערט און דאס האט גורם געווען, אז שטאלע געביטען פון מאגאזין-פאך האבען ווי געהערינ געקענט בעארבייט ווערען. דאך האט די פערוואלטונג צו בעצייכענען א ברייטע טעטיג-קייט. אויסער אויפ'ן פראפעסיאנעלען געביט, וואו עס איז איינגעשטעלט געווארען נ"ע פארמען ראַר ארבייט, האלט די פערוואלטונג פון גאר גרויסען געוויכט דאס שאפען קאאפעראטיווע הייזער פאר די מיטגלידער. דאס ערשטע קאאפעראטיווע הויז ווערט בקרוב געבויט, אין וועלכען עס וועלען וואוינען פון 50—60 מיטגלידער.

עס ענטוויקעלט זיך א דעבאטע אין וועלכען עס בעטייליגען זיך די ה"ה איצקאוויטש, בענקעל, פרעזעס ש. לעווקאוויטש, מיאראווניק, וויעלקאוואל-סקי א. אנר. און עס ווערט בעשלאסען אויסצודריקען אנערקענונג די אלטע פערוואלטונג.

דער סעקרעטאר ה' הערצבערג, גיט איר-בער א קאסע-בעריכט וועלכער ווערט בעשטע-טיגט דורך די רעוויזיר-קאמיסיע.

עס ווערען דאן אויסגעהערט בעריכטען וועגען דער לאגע אין מאגאזין-פאך. פון אלעמענס-מיילער רייסט זיך א פערביטערונג לגבי די מאַגאַ-זינערס, וועלכע לאזען פראטעסטירען וועקסלען איבער-רערצייט, ווען די לעצטע האבען, אויסער זייער אר-בייט, בעצאלט שוין ארבייטס-לוין די ארבייטער, צוראטען א. א.

עס ווערט בעשלאסען די ניי-געוועהלטע פער-וואלטונג זאל זעהן אויסצומיירען דעם קאטאסטראַ-פאלען צושטאנד אין מאגאזין-פאך און דערמעגלי-כען די בעל-מלאכות זיי זאלען קענען ארבייטען.

צום סוף זענען פארגעקומען וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיר-קאמיסיע, וועלכע האבען געבראכט פאלגענדען רעזולטאט: אין דער פערוואל-טונג: איצקאוויטש, בענקעל, פינקעלשטיין, פישער, ראדאשיצקי, טערקעלטויב, גלוכי, נירענבערג, לעווי-קאוויטש, מילער, רעדער, מיאראווניק, שערמאן. קאנדידאטען: זילבערשטיין, סאלאן, גושיבאווסקי, נאוואק, הילער, בלאדי, פליוואצקי. אין דער רעוויי-דיר-קאמיסיע: פייזלאוויטש, לאנדוי, פעלדמאן און שלעזינגער. די נייע פערוואלטונג האט זיך קאנסטי-טואירט: פרעזעס — איצקאוויטש, וויצע — ראדאַ-שיצקי און בענקעל; סעקרעטאר — גלוכי, קאסי-רער — פישער.

היינט — פייערליכע ערעפנונג פון ארטור שיק'ס בילדער-אויסשטעלונג

היינט 7 אין אווענד קומט פאר אין לאקאל פון „באנק גאספאדארסטווא קראיאווגא" פעטרי-קאווער 74 די לאנג ערווארטעטע ערעפנונג פון דער בילדער-אויסשטעלונג פון בעריהמטען יודי-שען קונסט-מאלער, ארטור שיק.

שיק'ס „קאלישער סטאטוט" איז א עפאכע-מאכענדעס ווערק. „די 44 וואונדערבארע מיניא-טורען פון „קאלישער סטאטוט", וואס שילדערען דאס יודיש-פוילישע צוזאמענלעבען אין 13-טען יאהרהונדערט זענען א מייסטער-ווערק, וואס בעדי-צויבערט דעם צושויער.

דאס דאזיגע הערליכע ווערק האט ארטור שיק ארויסגערוקט אויפ'ן פארערגרונד פון דער מאדער-נער קונסט און זיינע לעצטע אויסשטעלונגען אין פאריז און ווארשא, זענען געווען איין גרויסער טריאומף פארן קינסטלער.

די גרעסטע קונסט-קריטיקער זענען פול מיט תהלות ותשבחות פארן יודישען מאלער ארטור שיק.

אויך דאס לאדזער פובליקום וועט האבען די גע-לעגענהייט זיך צו בעקענען מיט שיק'ס מאמענטאַ-לען ווערק, וואס ווערט היינט אויסגעשטעלט אין ניי רעסטאווירטען לאקאל אויף פיעטריקאווער 74.

ביי דער היינטיגער פייערליכער ערעפנונג פון שיק'ס „קאלישער סטאטוט", וועלען אנוועזענד זיין פארשטעהער פון דער היגער מאכט, שטאט-פער-וואלטונג, יודישער אינטעליגענץ, פרעסע, ליטע-ראטור, און פיל חשובע געסט פון ווארשא.

כדי צו געבען די מעגליכקייט די זאמלער פון קונסט-ווערק צו ערווערבען די רעפראדוקציעס פון „קאלישער סטאטוט", גרייט צו דער קינסטלער א ספעציעלע אויסגאבע פון זיין ווערק.

אונזער ליבען ארטור שיק, צו דער פייערליכער ערעפנונג פון זיין אויסשטעלונג, בעגריסען מיר און ווינשען ערפאלג.

פערקויף-שעה'ען פון קאלטע משקאות.

(2) לויט אנ'ערקלעהרונג פון דער וואיע-וואדזטווע מעגען פערקויפט ווערען אין בודקעס און אין קיאסקען קיהלע געטראנקען און פרוכטען פונ'ם 1 אפריל ביז' 30 סעפטעמבער פון 9 א זייגער אינדערפרי ביז 11 א זייגער אין אווענד, און פון 1 אקטאבער ביז'ן 31 מערץ פון 9 אין דער פריה ביז 9 אין אווענד.

ביי די סעזאן-ארבייטער

(2) די סעזאן-ארבייטער האבען אויף זייערס פערזאמלונג בעשלאסען פארצולייגען דעם מא-גיסטראט צו רעדוצירען די ארבייטען ביז 3 טאג א וואך, כדי אויף אזא אופן קענען בעשעפטיגען א דאפעלטע צאהל ארבייטער.

א דעלעגאציע פון די ארבייטער האט דעם בעשלוס פארגעשטעלט דעם וויצע-פרעזידענט ראגאלסקי, וועלכער האט ערקלערט, אז דער מא-גיסטראט וועט זיך גינסטיג בעציהען צום דאזיגען פארשלאג.

נאכט-ארבייט אין די בעקערייען

(2) נעכטען האט די וואיעוואדזטווע אין לאדז אויפ'ן גרונד פון א צירקולאר פונ'ם אר-בייטס-מיניסטעריום מיטגעטיילט איהרע אונטער-ארדענטע ארגאנען, אז עס איז ערלויבט אין די בעקערייען ביינאכט און אין די חגא טעג צוצו-בריידען די ראשטשעניעס צום באקען, אויב די ארבייט ביינאכט און אין די חגא-טעג וועט פרי-הער געמאלדען ווערען אין ארבייטס-אינספעקטא-ריאט, אז די ארבייטער וועלען נישט זיין בע-שעפטיגט מעהר ווי 8 שעה אין מעת-לעת.

צוליב דער פעראָרדנונג ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז מען דארף נישט צוציהען צו פעראנט-ווארטליכקייט די בעקערייען, וואו עס וועט פעסט-געשטעלט ווערען, אז זיי ארבייטען ביינאכט אדער אין די חגא-טעג, ביז עס וועט נישט פעסטגע-שטעלט ווערען, צי דער בעקעריי-אינהאבער האט זיך נישט פערשטענדיגט מיט דעם ארבייטס-אינספעקטאריאט.

ערלויבנישען אויף אינדוסטרי-אונטערנעהמונגען

(מ) דער אינדוסטרי-אמט פון דער 1-טער אינסטאנץ טיילט מיט דעם פעטענט וועגען די פערשידענע בעדינגונגען, אהן וועלכען די אונטער-נעהמונג קען נישט אנהויבען פונקציאנירען. ס'פעסירט, אז די אונטערנעהמער הויבען אן צו ארבייטען איידער די פעראָרדנונגען פון אינדו-סטריע-אמט ווערען אויסגעפיהרט. אין אזעלכע פעלען וועלען די אונטערנעהמער צוגעצויגען ווע-רען צו פעראנטווארטליכקייט און וועלען בעשטראפט ווערען מיט ארעסט ביז 14 טאג, אדער מיט א געלט-שטראף ביז 1000 זל.

דעפ. גרינבוים, רעאז לעוויטע און ד"ר הינדעס
קומען קיין לאדז

מארגען דאנערשטאג קומען קיין לאדז די אנגעזעהענע ציוניסטישע טוער, מיטגלידער פון צענטראל-קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע אין פוילען: דעפוטאט יצחק גרינבוים, ה' לעאן לעוויטע און ראטמאן ד"ר הינדעס, כדי צוזאמען מיט דעפ. ד"ר ראזענבלאט צו בעטיי-ליגען זיך אין דעם מיטינג, וואס קומט פאר דעם זעלבען טאג, אין פילהארמאניע. די פרעלעגענטען וועלען רעפערירען אויף די אקטועלע טעמען: „ווירטשאפטליכער אויפשוואונג", „קאנסאלידאציע פון ציוניזם אין פוילען".

פארצעלאציעס

(מ) די פירמע י. ק. פאזנאנסקי האט פאר-צעלירט איהר פלאץ ביי דער פיוטנא גאס און פערקויפט פארצעלעס נעמענדיג האנד-געלט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ערקלערט דער מאגיסטראט, אז די פארצעלאציע קען פארקומען נאר אויף דעם סמך פון בעשטעטיגטע פארצעלא-ציע-פלענער. בעשטעטיגען די דאזיגע פלענער איז בערופען דער מאגיסטראט. דער מאגיסטראט מאכט דעריבער אויפמערקזאם, אז פאר'ן קויפען די פארצעלעס זאל דער קויפער זיך איבערצייגען צי די פארצעלע איז בעשטעטיגט אינ'ם פארצעלא-ציע-פלאן. יעדער ארט רעיענטאלער אפמאך וועגען פערקויף פון פלעצער, האבען נישט קיין יורי-דישען ווערט, אויב דער פארצעלאציע-פלאן איז נישט בעשטעטיגט.

פראקוראטארען - צוזאמענפאהר

(2) מאנטאג האט זיך אין ווארשא געעפענט דער צוזאמענפאהר פון די פראקוראטארען. צום צוזאמענפאהר זענען געקומען פראקוראטארען פון 7 אפעלאציע-געריכטען, און די פראקוראטארען פון די קרייז געריכטען אין לאדז, לובלין, קראקא, סאסנאוויעץ. לאדז איז אויפ'ן צוזאמענפאהר רע-פרעזענטירט דורך ד"ר י. מארקאווסקי.

א נייער שול-בנין

נעכטען האט די טעכנישע קאמיסיע ביים מאגיסטראט איבערגענומען דעם ניי-געבויטען בנין פאר דער פאלקס-שולע אויף אלעקסאנדראווסקא 124, דער בנין איז געבויט אויסשליסליך פון די שטעטישע געלדער און פערמאגט 13 קלאסען, א גימנאסטישען זאל, הילפס-אוביקאציעס און א וואוינונגס-הויז פאר דער לעהרערשאפט און דינערשאפט.

די שולע אויף אלעקסאנדראווסקא 124 איז די 10-טע פאלקס-שולע, וועלכע די לאדזער זעלבסט-פערוואלטונג האט אויסגעבויט אויפ'ן אייגענעם חשבון.

אין בוי געפינט זיך נאך א שול-בנין אויף לענטשיצקא גאס פון 26 קלאסען. די שולע וועט זיין פערטיג איבער א יאהר.

דער פראצעס וועגען דער פאבאר-אפערע

נעכטען האט ווייטער גערעדט דער פראקו-ראר, ער בעוויזט, אז די שולד פון די בעשול-דיגטע איז קלאר בעוויזען דורך די עדות און פא-דערט א שטרענגע שטראף פאר זיי, ווייל אלע דריי זענען געווען פערטרויאונגס מענער, וועלכע מען האט אנפערטרויעט די לייטונג מיט א מלוכה-שער אינסטיטוציע.

נאכדעם האט בעקומען דאס ווארט דער פערטיידיגער פונ'ם פולקאווניק ראגאלסקי.

האפמאקל-אסטראווסקי בעהויפטעט, אז פול-קאווניק ראגאלסקי איז געפאלען אלס קרבן פון לייכטגלויביגקייט צו זיינע אונטעראָרדנעטע. ער מאלט דעם פולקאווניק ראגאלסקי אלס עהרליכען בעשיידענעם מאן און פערלאנגט מען זאל איהם פון די שולד איינגאנצען פריישפרעכען.

היינט וועלען רעדען די אדוואקאטען נא-ווארסקי און סענקאווסקי.

אפטייקען
היינטיגע נאכט-דיזשורען

ס. ליפיעץ, פיעטריקאווער 193; מ. מילער, פיעטריקאווער 46; וו. גראשקאווסקי, קאנסטאנטי-נער 15; פערעלמאן, ציגעל גאס 64; ת. ניעוויאַ-ראווסקי, אלעקסאנדראווסקא 37; ז. יאנקעלעוויטש אלטשטאט 9.

דער גורל פון די פראטעסטירטע וועקסלען=חובות

אין צוזאמענהאנג מיט דער אנגעהויבענער אין יאהר 1924 אלגעמיינער אינטענסיווער סאנא-ציע-אקציע פון די ווירטשאפטליכע פערהעלטנישען אין דער מלוכה, זענען אין זיינער צייט פער-צעפענטליכט געווארען א גאנצע רייה געזעצען, וועלכע האבען געזאלט ענטגילטיג ליקווידירען דעם אנגעזאמעלטען אין משך פון דער אומנאר-מאלער צייט ריזיגען באלאסט פון פריוואט-רעכט-ליכע פליכטונגען אויפ'ן סמך פון דער אזוי גערו-פענער פערעלטערטקייט - פרינציפ (Na zasadzie przedawnienia).

מיר מיינען קודם כל די פעראָרדנונג פון מי-ניסטארען-ראט פון 22. יוני 1927 (דזש. אוסטאוו № 58/27 פאז. 507), לויט וועלכער פאר אלע וועקסלען, וואס געפונען זיך מחוץ'ן שטח פון סא-וויעט-רוסלאנד און זענען געווען צאהלבאר אדער נישט פערעלטערט ביז'ן 30 יולי, 1914, ווערט בעשטימט א לעצטער טערמין ביז'ן 31. דעצעמ-בער 1927 בכדי אונטערצונעהמען אלע געזעצלי-כע שריט, אז די דערמאנטע וועקסלען זאלען נישט פערלירען זייער גילטיגקייט.

אזוי ווי לויט די אלגעמיין - פערפליכטענדע געזעצען און בפרט לויט'ן ארטיקעל 71 (פונקט a) פון פוילישען וועקסעל - רעכט קאן אנ'הפסקה אין גאנג פון דעם פערעלטערטקייט - טערמין פערואור-זאכט ווערען נאר ערשט דורך דערלאנגען אנ'צענט-שפרעכענדע תביעה אין געריכט, קומט ממילא אויס, אז די אלע וועקסלען פון דער דערמאנטער קאטע-גאריע, וועלכע זענען ביז'ן אנגעצייכענטען טער-מין נישט איינגעקלאגט געווארען אין געריכט, האָ-בען אלזא, אנהויבענדיג פון 1-טען יאנואר 1928, אינגאנצען פערלוירען זייער גילטיגקייט.

דעסגלייכען האבען אויך אויפגעהערט צו פער-פליכטען לויט דער פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזי-דענט פון 14 דעצעמבער 1927 (דזש. אוסט. 114/27 פאז. 968) אלע חובות, וועלכע שטאמען פון וועקס-לען, אויסגעשטעלטע און צאהלבארע ביז'ן 1-טען יאנואר 1925 עווענטועל אויסגעשטעלטע פאר'ן 1 יאנואר 1925 און צאהלבארע ערשט נאכ'ן דא-זיגען טערמין, וויבאלד זיי זענען שפעטסטענס ביז'ן 30. יוני 1928 נישט איינגעקלאגט געווארען אין געריכט.

הגם דער פרעקלוזיע-טערמין פון ביידע אויס-גערעכענטע קאטעגאריעס וועקסלען איז שוין לאנג אריבער, זענען כסדר אין די געריכטען איינגע-פלאסען מאסען אזעלכע תביעות אין די געריכטען, נישט האבענדיג קיין רעכטליכען גרונד אויפ'ן סמך פון די פערפליכטענדע ציוויל פראצעדורא'לע פאר-שריפטען לויט דער אייגענער אמטליכער אינ'ציא-טיוו די דאזיגע תביעות אפצעווארפען בפרט, ווען די פעראינטערעסירטע בעלי - חובות אליין האבען זיך אויך אויף דער געריכטס - פערהאנדלונג אויפ'ן פערעלטערטקייט - אומשטאנד נישט פעררופען, הא-בען טאקע די געפאדערטע סומען צוגע'משפט און די וועקסלען פערזעהען מיט געהעריגע אויספיהר-טיטולען.

זענען טאקע אלע מאל אין אזעלכע פאלען די בעלי-חובות געצוואונגען געווען קעגען די דא-זיגע ארויסגעטראגענע אורטיילען צו אפעלירען און די געריכטען פון דער 2 אינסטאנץ און זיי האבען ערשט בעריקזיכטיגט די ארויסגערוקטע מצד די פערקלאגטע בעלי חובות פערעלטערטקייט מאטיווען.

די דערמאנטע אומנארמאלע לאגע וועט שוין דאך ענדליך אפגעשאפט ווערען, ווי מיר דערווי-סען זיך דורך א ספעציעלער צו אלע קאמפעטענ-טע געריכטען צוגעשיקטער אינסטרוקציע.

אין הסכם מיט דער דאזיגער אינסט־וקציע נעהמען די געריכטען קיין נייע אזעלכע תביעות מעהר שוין נישט אן און די שוין אנגענומענע ווע-רען אויפ'ן גרונד פון דער פערעלטערטקייט אויך אנולירט.

י. אינפעלד.

צרות וואס א בעל-הבת'יש יודיש מיידעל
האט אויסצושטעהן צוליב איין לייכטזיניגען שריט אין לעבען

געווען איז עס מיט קוים אנדערטהאלבען יאהר צוריק. אין דאבראמיל (גאליציען) איז פערהאן א סוחר מיט דעם נאמען נחמיה ל., דאס איז א יור א חסיר, א אנגעזעהענער בעל הבית אין שטעטעל און פיהרט א מוסטערהאפטע היים. אלע קינדער זענען געווען געראטענע און דאס גאנצע שטעטעל האבען זיך אין זיי מתקנא געווען.

ר' נחמיה האט א ברודער אין לעמבערג. האט איינע פון זיינע טעכטער מיט'ן נאמען רחל'ה, וועל-כע איז היינט נישט מעהר אלט ווי 20 יאהר נישט געוואלט זיין אין דאבראמיל.

— ס'איז א קליין שטעטעל — פלעג זי טענה'ען איך וויל דא נישט זיין, די לופט איז אין דאבראמיל א שטיקענדע, איך גאר און לעבען אין דער גרויסער שטאט אריין.

זי פלעג ממש ארבייטען מעשים, אז זי וויל אוועק קיין קראקא צו איהר פעטער, צום פעטערס ברידער, בקיצור, די עלטערען האבען זי אוועקגע-שיקט קיין קראקא און זי האט זיך א צייט לאנג אויפגעהאלטען ביי איהר פעטער, וואו ס'איז איהר זעהר גוט געגאנגען. זי האט זיך גענומען שטודירען, אזוי, אז איהרע עלטערען זענען פון דער מעשה, געווען צופרידען און האבען געהאפט בקרוב צו זעהען נחת ביי זייער קינד.

אבער נאר עפעס אנדערש 'האט זיך דערפון אויסגעלאָזען:

רחל'ע האט זיך אנגעהויבען חבר'ען מיט קריסט ליכע סטודענטען. ווי געוועהנליך א קליין שטעטעל-דיג מיידעל האבען איהר קריסטען מעהר געפעלען ווי יודען.

אמטייסטען האט זי געהאט מחותנות מיט דעם קריסטליכען סטודענט יוזעף יורקיעוויטש, א זוהן פון א רייכען קראקאווער אינדוסטריעלער, די בעד-קאנטשאפט האט זיך באלד פערוואנדעלט אין א הייסער ליבע. ביידע האבען זיך שטארק ליב געהאט און האבען זיך בעשלאסען חתונה צו האבען.

נאטירליך האט דער קריסטליכער חתן קאטע-גאריש געפאָדערט פון זיין יודישער כלה, אז זי זאל זיך שמד'ען, ווייל אנדערש האבען זיינע עלטערען און קרובים נישט געוואלט הערען פון דעם דא-זיגען שידוך. די כלה האט מסכים געווען דערויף.

ווען איהרע עלטערען און קרובים האבען דער-הערט, אז רחל'ע, זייער קרוין, געהט זיך שמד'ען, האבען זיי זיך גענומען וואָרענען, אז פון אזעלכע שידוכים איז נאך קיין גוטעס נישט ארויסגעקומען. מיט גוטען און מיט בייזען האט מען געפרובט צו פועל'ען ביי איהר, אז זי זאל נישט בעגעהן דעם דא-זיגען שריט.

ס'האט אבער גארנישט געהאָלפען. רחל'ע האט זיך געשמד'ט און חתונה געהאט פאר דעם קריסט מיינענדיג, אז ס'וועט איהר ביי איהם אויף אייביג גוט זיין.

לאנג האט אבער דאס גליק פון דאזיגען פארעל נישט געדויערט. דער מאן פלעגט זיין פרוי ביי יע-דער געלעגענהייט פארווארפען איהר יודישע אב-שטאמונג. פון א ווארט צו א ווארט פלעג קומען צו סקאנדאלען און לייטישען געלעכטער.

ס'איז אזוי ווייט געקומען, אז אמאל בעת א געקריג האט זי ידער מאן גוט אויסגעפאטשט און זי ארויסגעווארפען פון שטוב.

געבליבען ווי אויפ'ן וואסער צוליב איהרען א לייכטזיניגען שריט האט זי בעשלאסען נקמה צו נעהמען פון לעבען דורך זעלבסטמארד. זי האט גע-פרובט זיך פערסם'ען. אבער מע האט זי אבגע-ראטעוועט פון טויט.

ארויסקומענדיג פון שפיטאל האט זי אנגע-הויבען צו געהען אויף שלעכטע וועגען, אזוי, אז בקרוב האט מען זי פערעגיסטרירט צווישען די פראסטיטוטקעס.

פון קראקא איז זי שוין אלס נאכטען־פרוי גע-קומען קיין לעמבערג. אבער אויך אין דער ראזינער ראל האט זי זיך נישט געוואלט בעקענען צו איהר יודישער אבשטאמונג.

אין לעמבערג איז זי אריינגעפאלען אין די הענד פון א בעוואוסטען אלפאנס, וועלכער פלעגט ביי איהר צונעהמען יעדען „פעררינטען" גראשען.

אין א געוויסען טאג, ווען זי האט איהם נישט געוואלט געבען דאס גאנצע געלד, וואס זי האט פער-דינט האט ער זי געשלאגען מכות רצח.

זי איז זייט דאן אלע מאל אלץ מעהר גע-פאלען.

איצט האט מען די משומדת ארעסטירט און פערמשפט אויף א יאהר שווערע תפיסה פאר בע-טייליגען זיך אין א גנבה, וועלכע ס'האט אויסגע-פיהרט איהר געליבטער מיט ויינער א באנדע.

דאס איז אוראי נישט דער סוף, מסתמא וועט איהר נאך זעהר פיל אויסקומען אויסצושטעהן צוליב דעם לייכטזיניגען שריט, וואס זי איז בעד-גאנגען, נישט פאלגענדיג די עצות פון איהרע על-טערן און קרובים.

פרץ הירשביין און אסתר שומיאטשער
זענען אפגעפאהרען פון רוסלאנד קיין פינלאנד

מאסקווע, (יט"א) דער בעוואוסטער יודי-שער שרייבער פרץ הירשביין מיט זיין פרוי די דיכטערין אסתר שומיאטשער זענען אפגעפאהרען פון רוסלאנד.

הירשביין און זיין פרוי וועלען איצט וואוינען א קורצע צייט אין פינלאנד און פון דארט וועלען זיי פאהרען קיין פוילען. אין ראטען-פערבאנד האט הירש-ביין פערבראכט א יאהר צייט, וואוינענדיג אכט מא-נאטען אין איינער פון די יודישע קאלאניעס.

הירשביין האט פאר דער צייט פון זיין ווייל אין רוסלאנד אנגעשריבען א גרויסען בוך איינדריקען וועגען דעם לעבען אין די יודישע קאלאניעס. ער האט אויך אנגעשריבען א פיעסע און האט אנגעהויבען צו ארבייטען איבער א גרויסען ראמאן אין צוויי בענדער, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט דאס נייע יודישע לעבען אין ראטען־פערבאנד.

די שטעלונג פון דער נייער עסטרייכישער רעגירונג צו די יודען

וויען, (יט"א) ווי דער פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור ווערט געוואהר, וועט די שטעלונג פון דער נייער עסטרייכישער רעגירונג מיט ד"ר שטרערוביץ בראש צו די יודען בלייבען אומפער-ענדערט. דער נייער בילדונגס־מיניסטער טשערמאק איז אבער בעקאנט אלס ענטשידענער געגנער פון אנטיסעמיטיזם. מען רעכענט דעריבער, דאס ער וועט זיך בעמיהען צו בעזייטיגען דעם אלטען אנ-טיסעמיטישען פונקט פון בילדונגס־פראגראם פון די קריסטליך־סאציאלע.

גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט, דאס דער געוו. עסטרייכישער קאנצלער דר. זייפעל פאהרט שוין אין קורצען ארויס אויף זיין מזרח־רייזע און וועט בעזוכען אויך ארץ־ישראל.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

בעגעלניאנא 25, טעל. 26-87

ספעציעל ארצט פאר הויט און ווענע-רישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט אנאליזען, בעהאנד-לונג מיט קווארק-שטראהלען.

צמט אן פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אוו

די גרויסע סענסאציע אין פאריז
מיט א שווינדלער-פארעל און א שפאנישען פרינץ

(סוף).

אבער דער ברונז צווישען דער שווינדלערישער „טראיקע" האלט נישט לאנג אן. מען בעט זיך באלד איבער, און אלע דריי פאהרען נאך ניצע, וואו מען פיהרט א שרעקליך ברייטען צולאזענעם לעבען. די געשיכטע ווערט צו אויפפאלענד. עס רופט ארויס גרויס אויפרודער דער פאקט, וואס א שפאנישער פרינץ פיהרט אזא הולטייסקע לעבען, לעבט אזוי ברייט און צולאזען אין א צייט, ווען א וועלט פרינקט זיך אין בלוט.

דער פרינץ ווערט ארעסטירט און אפגעשיקט אהיים נאך שפאניען. אויף א בעפעהל פונ'ם שפא-נישען קעניג, ועצט מען דעם פרינץ אוועק אין זיין פאלאץ און מען היט, ער זאל פון דארטען נישט אנטלויפען.

אבער לאפיט מיט זיין ווייבעל זענען נישט צופרידען, וואס מען האט פון זיי צוגענומען דעם פרינץ, וואָרים איינמאל האבען זיי דאך עפעס פון איהם וועקסלען, וועלכע האבען גאר קיין ווערט נישט, אויב ער איז אנ'ארעסטירטער אין זיין פאלאץ. און חוץ דעם, קאן מען דאך נאך עפעס האבען פון איהם, וואס זענען זיי את דעם פרינץ?

פאהרט לאפיט קיין מאדריד, ער ושאלעזועט נ שט קיין געלד אפצוקויפען די דינערשאפט און עה באפט זיך אריין אין קעניגליכען פאלאץ. און איינמאל, ווען דער הויף געהט אויף יאגד אויף ווילדע אקסען, אנטלויפט לאפיט מיט'ן פרינץ אין אנ'אויטאמאביל. זיי פאהרען ביז צום ברעג פון פארטוגאל און שיפען זיך אריבער אויף א פישער־שיפעל קיין פראנקרייך. זיי קומען קיין פאריז, און מען לעבט ווידער א גוטען טאג. אבער דער פרינץ האט שוין נישט א פיפיל געלד. ער קען זיך שוין נישט אזוי ווארפען

מיט טויזענדער אויף רעכטס און אויף לינקס. מען נעהמט זיך ארומרייסען, דער פרינץ פערקלאגט לאפיט'ען פאר דער צירונג, וואס ער האט צוגענומען ביי זיין פרוי אין מילאן. אויך לאפיט מיט זיין ווייבעל רייסען זיך ארום און ווילען זיך גט'ען. דער סוף איז, אז די „טראיקע" צוטיילט זיך, יעדער וואוינט בעזונדער, און מען וויל זיך בשלום צוטיילען מיט'ן פערמעגען.

דא מישען זיך אריין בעלי־חובות, וועלכע מעלדען זיך פון אלע זייטען, דאס „פרינצעל" דאס געהאלטען אין איין שווינדלען און בארגען געלד. איצט האבען זיך אלע קרעדיטארען געמאלדען, די פאליציי פער'חתמ'עט די וואוינונג, וועלכע דער פרינץ האט איינגעאָרדענט אין די האניג־חרשים פאר זיין געליבטער, און וואו עס געפינט זיך דאס גאנצע פערמעגען פון דער חברה, הויפטזעכליך די 20 טייערע קונסט־בילדער, באלד אבער קומט אז לאפיט, מיט א רעוואלווער אין האנד, און צווינגט די וועכטער, אז זיי זאלען אליין ארויסרייסען די שטעמפלען. לאפיט נעהמט ארויס פון דער וואוי-נונג וואס נאר ער קאן: עטליכע בילדער, מעבעל און אזוי ווייטער.

לאפיט ווערט ארעסטירט און זיצט אפ דריי מאנאטען. ער מאכט זיך אבער משוגע און ווערט אריבערגעשיקט אין א משוגעים־הויז. פון דארטען אנטלויפט ער קיין איטאליע.

דערווייל פיהרען צווישען זיך א פראצעס לואיז שארדאניע מיט'ן פרינץ. זי וויל, אז ער זאל אנער-קענען, אז עס געהערען איהר די צוואנציג בילדער, וואס ער האט איהר געשענקט אין איהר וואוינונג, און אז ער זאל אנערקענען פאר גילטיג די וועקסלען, וואס ער האט איהר געגעבען. דער פרינץ אבער וויל איצט פון דעם נישט וויסען.

ענדליך גלייכט מען זיך אויס, דעם 30־טען יולי 1920 שרייבט דער פרינץ אונטער, אז עס גע-הערען צו לואיז שארדאניע די 20 בילדער, און זי זאגט זיך אפ פון די וועקסלען. דען פרינץ ציהט אויך צוריק זיין בעשולדיגונג געגען לאפיט'ען.

לאפיט קומט דאן צוריק קיין פאריז און ניט זיך איבער דער פאליציי. ער ווערט גע'משפט בלויז פארן אנפאל ביים פער'חתמ'ענען די וואוינונג. ער ווערט פעראורטיילט צו 18 מאנאטען טורמע, וועלכע ער דארף אבער נישט באלד אפזיצען. דאן גט זיך דאס פארעל לאפיט, און אויך דער פרינץ רייסט איבער זיינע בעציהונגען מיט זיין געליבטער.

מאדאם שארדאניע וויל ווידער מאנען איהרע וועקסלען פון פרינץ, און זי פערקלאגט איהם אין געריכט. דעם 12־טען נאוועמבער, 1923, קומט פאר א פראצעס. דאס געריכט ערקלערט פאר אום גילטיג דעם אפמאך לויט וועלכען די „טראיקע" האט זיך צוטיילט מיט'ן פערמעגען, און די וועקסלען, וואס דער פרינץ האט אונטערגעשריבען זיין גע-ליבטער, און אויף דעם פערמעגען, וואס מען האט אויסגענארט פונ'ם פרינץ, האט מען ארויפגעלעגט גרויסע שטייערן.

די בילדער, דאס הויפט־פערמעגען פון דער חברה, האט מען פערהאלטען, פאר צוויי יאהרען האבען די בעלי־חובות פעראָרדענט דעם בעריהמטען קונסט־מבין, ...ארטע, אז ער זאל פרובען די ביל-דער, צי זיי זענען טאקע עכטע. דער בעשלוס פונ'ם עקספערט איז געווען, אז די בילדער זענען נישט קיין עכטע, נאר קאפיעס, אבער זעהר גוטע קאפיעס, און זיי זענען אפגעשאצט געווארען אויף 200 טויזענד פראנק, ווען זיי וואלטען געווען עכטע וואלטען זיי ווערט געווען ביז 20 מיליאן פראנק.

מסתמא זענען דאך די דריי בילדער, ארום וועלכע עס איז איצט אזא טומעל, אויך פון דעם זעלבען סארט, דאס הייסט גוטע קאפיעס. ווי שוין געזאגט אבער, האבען די איצטיגע אונטערזוכער פון די דריי בילדער זיי אפגעשאצט אויף 150 פראנק,

זיי זענען ערקלערט געווארען פאר זעהר שלעכטע קאפיעס. אפנים אז לאפיט האט ערשט געלאזט מאכען א קאפיע פון א קאפיע.

אזוי ווי מיר האבען שוין בעקענט די לעזער מיט'ן גאנצען ראמאן, וועלכער קלינגט ווי א גע-שיכטע פון טויזענד און איין נאכט, ווילען מיר שוין דערצעהלען דעם סוף פון די דריי העלדען.

די מאדאם לואיז שארדאניע לאפיט איז איצט אלט, קראנק און צובראכען. זי וואוינט ביי איהר אלטען דאקטאר, עפעס א קרוב פונ'ם פרינץ. זי בעד-קלאגט זיך אויף די עוולה'ס וואס מען איז געגאנגען איהר בעוואָגע ביים צונעמען איהר פערמעגען. דאס האט איהר אבער נישט געשטערט אין די לעצ-טע עטליכע יאהר צו בארגען געלד אויף דעמועלפי-גען פערמעגען.

דער פרינץ האט פערלארען אלע רעכט אויף זיינע מאיאנטקעס און געפינט זיך אונטער דער אפיעקונסטשע פון זיין עלטערען זוהן. א יונגערער זוהן זיינער האט עפעס אויך נישט קיין שלום מיט דער פראנצויזישער פאליציי... דער פרינץ וואוינט איצט אין פאריז מיט זיינע צוויי דינער, וועלכע גיבען אויף איהם אכטונג.

לאפיט, וועלכער האט זיך אין יאהר 1923 גע'גט מיט זיין פרוי, האט נאכאמאל חתונה געהאט און איז א טאטע פון 2 קינדער. מען זאגט, אז אויף דער עלטער איז ער געווארען א בעשיידענער מענש. מען זעהט איהם אפילו אין די קאפע־הייזער, וואו עס פערקעהרען פראנצויזישע אונטער־וועלט־מענשען, אבער מען פערזיכערט, אז ער איז א גוטער פאמיליען־מאן. זיינע פריינד זענען זיכער, אז ער וועט מסתמא אויפ'ן פראצעס בעפרייט ווער-רען, וואָרים עס פעלען בעווייזען געגען איהם, און ער וועט ווידער זיין א גוטער מאן צו זיין פרוי און א גוטער טאטע צו זיינע קינדער.

אט דאס איז אין קורצען די געשיכטע וואס די פראנצויזישע צייטונגען רופען איינע פון די גרעסטע סענסאציעס פון יאהרהונדערטער.

י. פ—ן.

וויפיעל איז ווערט א פרוי

אַלס מוטער, באלעבאסטע און אַלס חבר'טע

עס זענען פאראן מענער וואָס גלויבען, אַז די פרוי עסט אומזיסט איהר שטיקעל ברויט—וואָס דאס לעבען זאגט אויף דעם

אין איינעם פון איהרע אַרטיקלען האָט די אַמעריקאַנער שרייבערין דאָראָטהי דיקס אָנגעריהרט אַ פראַגע, וואָס ווערט אָפט מאָל דעבאַטירט אין אַ סך היימען.

די פראַגע איז:

„וויפיל איז ווערטה אַ גוטע פרוי?"

נו, קען מען אויף אָט דער פראַגע געבען פערשיהענע ענטפערס.

מען קען זאָגען:

— אַ גוטע פרוי איז ווערטה אַנ'אוצר.

— אַ גוטע פרוי איז גאָר נישט אָפּצושאַצען.

— אַ גוטע פרוי איז מיט גאָלד צוגלייך.

מען קען אַבער אויך זאָגען:

— אַ גוטע פרוי איז ווערטה אַזוי פיל וויפיל אַ גוטער מאַן.

און:

— אויב אַ פרוי איז נישט גוט, לוינט זיך אין אַלגעמיין נישט צו רעדען וועגען איהר, ווייל וואָס דען זאָל זי טון אויב נישט זיין גוט.

און עס וועלען זיך זיכער געפינען אַזעלכע, וואָס וועלען זאָגען, אַז אַזאַ „זאַך" ווי אַ גוטע פרוי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ...

עס ווענדעט זיך בלויז מיט וועמען מען רעדט וועגען דעם, און עס ווענדעט זיך אויך אָן דעם וואָס פאַר אַנ'ערפאַהרונג דער מענש האָט געהאַט אין לעבען.

מענשען, וועלכע האָבען זיך אין לעבען געטראָפען מיט גוטע פרויען, האָבען אַ גוטע מיינונג וועגען פרויען אין אַלגעמיין, און זיי וועלען אייך זאָגען, אַז אַ גוטע פרוי איז גאָר נישט אָפּצושאַצען. און מענשען, וועמען דער שיקזאַל האָט גראָד צוזאַמענגעפיהרט מיט שלעכטע פרויען, וועלען אייך זאָגען, אַז קיין גוטע פרויען זענען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

דאָ האַנדעלט זיך אַבער נישט וועגען דעם וואָס פאַר אַ מיינונג דער אָדער יענער האָט וועגען פרויען אין אַלגעמיין. די פראַגע איז:

אויב אַ פרוי איז ווירקליך אַ גוטע, דאָס הייסט, אויב זי פיהרט די הויז-ווירטשאַפט מיט אַ טאַלק, אויב זי ערציהט די קינדער גוט, אויב זי פאַסט אויף אויפ'ן מאַן ווי געהעריג און קומט נאָך די אַלע פליכטען, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען אין דעם מאָמענט ווען זי האָט חתונה געהאַט — וויפיל איז זי ווערטה?

מען הערט אָפט ווי אַ מאַן טענה'ט צו זיין פרוי אַזוי:

— די אַרבייט וואָס דו טוסט אין הויז האָט זעהר ווייניג די ווערטה. פאַר אַ ביסעל געלד אַ וואָך קען מען געפינען אַ מענשען, וואָס וועט טון די זעלבע אַרבייט און וועט מיך נישט מאַכען גליקליך...

אין דער חשבון איז ביי איהם אַזאַ:

— קאָכען איז אַנ'אַרבייט? מען שטעלט צו אַ פאָר טעפּלעך אויפ'ן פייער, קאָכען זיי זיך.

— אויפרוימען אין הויז איז אַנ'אַרבייט? אין אַ האַלבער שעה צייט קען מען דערמיט פערטיג ווערען און דערנאָך קען מען זיך געמיטליך כאַפּען אַ שפּאַציר אין גאַס און קוקען ווי פויגעלעך פליהען.

אַזוי רעכענט דער מאַן אויס אַ גאַנץ צעטעל, מאַכט אַוועק אונטער דער האַנד די אַלע אַרבייטען, וואָס די פרוי טוט.

האָט מען אָבער איצטער אויסגערעכענט וויפיל אַרבייט אַ גוטע פרוי לעגט אַריין אין איהר הויז און אין איהר פאַמיליע, פשוט סטאַטיסטיש אויסגערעכענט מיט ציפערען, און מען איז געקומען צום שלוס, אַז די גוטע פרוי, די גוטע באַלעבאָסטע, קריגט די קלענסטע שכירות פאַר איהר אַרבייט און אַז זי ווערט עקספּלואַטירט אויף אַ שרעקליכען אופן.

די גוטע פרוי לעגט אַריין נישט ווייניגער ווי פופצעהן-זעכצעהן שעה אַ טאָג אַרבייט אין הויז.

אַנ'אַרבייט וואָס קען בשום אופן קיין פערגעניגען נישט פערשאַפען.

דערצו דאַרף מען נישט פערגעסען, אַז אַ גוטע פרוי איז נישט נאָר אַ גוטע באַלעבאָסטע. חוץ דעם וואָס זי איז אַ מוטער, אַ ווייב, אַ לעהרערין, אַנ'ערציהערין און אַ וועג-ווייזערין.

ווען אימיצער אין דער פאַמיליע איז נישט געזונד, איז דאָס אַלע מאָל די גוטע פרוי, וועלכע פּאַסט אויף אויף דעם חולה, און אַמאָל שלאָפט זי נישט קיין נעכט איבער דעם.

און אויך אין דעם פּרט טוט זי איהר אַרבייט נישט בלויז מעכאַניש, ניין. זי איז מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען דער אַרבייט און זי איז גרייט צו טון אַלץ אין דער וועלט, אַז דער חולה — דער מאַן, אָדער דאָס קינד, זאָל געזונד ווערען.

מיליאָנען קען מען נישט בעצאָהלען פאַר דער אַרבייט וואָס די גוטע פרוי טוט אין אַזאַ פאַל.

די אוצרות פון דער וועלט קענען דאָס נישט קויפען.

עס דאַרף אָבער אויך פערשטאַנען ווערען, אַז די גוטע פרוי דאַרף דעם מאַן נישט פּרובען איינרעדען, אַז זי מאַכט איהם גליקליך מיט איהר אַרבייט...

ווען מ'טוט גוטס דערפאַר, וואָס מען איז בטבע גוט, דאַרף דאָס זיין אַזוי נאַטירליך, אַז מען דאַרף וואָס ווייניגער רעדען וועגען דעם און עס נישט אַריינגעבען צופיל אין נדן...

דאָס איז אויך זעהר וויכטיג.

ב. ג—טש.

א"י בעלעסטיגט נישט גרויסבריטאַניען

פערקעהרט—זי דעקט נאָך טיילווייז די קאָסטען פון עבר-הירדן

לאָנדאָן, (יט"א) בעתן בעהאַנדלען דעם קאָלאָניאַל-בודושעט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט האָט דער שטאַטס-סעקרעטאַר פאַר קאָלאָניאַל-ענינים אמערי, ערקלערט פאָלגענדעס וועגען ארץ-ישראל:

אין 1925-26 האָט מען פאַר ארץ-ישראל און עבר-הירדן יעהרליך אויסגעגעבען 749,000 פונט, בעת די היי-יעהריגע אויסגאַבע בעטרעפט בלויז 64,000 פונט, און איז בעשטימט אויסשליסליך אויף אויסהאַלטען די ציוויל-פערוואַלטונג אין עבר-הירדן און די דאָרטיגע גרענעץ-מאַכט, ארץ-ישראל פערזורגט אונז בכלל נישט מעהר קיין שום קאָסטען, אדרבא, דאָס דאָזיגע לאַנד ברענגט אונז נאָך איין 30,500 פונט, ד. ה. די גרעסערע העלפט אויף אויסהאַלטען די גרענעץ-מאַכט פון עבר הירדן און דעם מיליטערישען לופט-פלאָט. אין ארץ-ישראל האָבען מיר געהאַט פיל גליק מיט אונזער אַרמיניסטראַציע. דער ערשטער נציב-העליון פון ארץ-ישראל סער הערבערט סעמיועל האָט דעם לאַנד געזידמעט זיין הויכע בעגאַבונג און זיין געוואַלדיגע פלייס ביי אַ מוסטערהאַפטער אומפּאַרטייאישקייט, אין די צעהן יאָהר פון אונזער מאַנדאַט-אויספיהרונג האָבען מיר געפיהרט אַ פּאָליטיק וואָס האָט געדינט די בעסטע אינטערעסען. די בעפעלקערונג פון די אָרגאַניזירטע יודישע קאָלאָניעס האָט זיך פערגרעסערט פון 17,000 אין 1922 אויף 30.000 אין 1927. דער ים-המלח ענטהאַלט אונגעהויערע מענגען פון נוצליכע מינעראַלען. דערווייל איז עס נאָך נישט זיכער, צו די עקספּלאָאַטאַציע וועט געבען אַ קאָמערציעלען פּראָפיט. אַלענפאַלס האָבען די ענטשפּרעכענדע לאַנג-דויערנדע פערהאַנדלונגען צווישען די רעגירונגען פון ארץ-ישראל און עבר-הירדן געבראַכט צו אַ צופרידענשטעלענדען רעזולטאַט.

אַ פּאָר טשיקאַווע געשיכטעס וועגן לינדבערג'ן

צו זיין אַ בעריהמטער מענש איז נישט אַלע מאָל אַ בעקוועמע זאַך: אַמאָל האָט מען דערפון אַ היפּש ביסעל צרות.

אָט, צום ביישפּיל, דערצעהלט דער וואַשינגטאָנער „ניו-יאָרקער" איינגע טשיקאַווע געשיכטעס וועגען די צרות, וואָס לינדבערג, דער בעריהמטער אַמעריקאַנער לופט-פליהער, האָט פון זיין בעריהמטקייט. יעדערע פון די געשיכטעס קלינגט ווי אַ וויץ, אָבער אַפילו ווי אַ וויץ איז דאָס אויך נישט שלעכט.

איהר ווייסט דאָך, אַז לינדבערג איז פעררעכענט פאַר אַ נאַציאָנאַלען העלד. פערשטעהט איהר דאָן שוין אַליין, אַז איהם איז בעשערט דער גאַנצען לעבען צו דריקען די הענד, לאָזען זיך פאָטאָגראַפירען, אונטערשרייבען זיין נאָמען אויף קאַרטלעך און האַלטען רעדעס אויף באַנקעטען. טוט ער דאָס ווי ווייט ער קען. ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט.

אין איין הויז, וואו לינדבערג איז געווען אַ גאַסט אַ געוויסע צייט, האָט דער בעל-הבית פון הויז איינמאָל בעמערקט, אַז זיין בעריהמטער גאַסט האָט בלויז איין איינציג העמד, האָט ער אויף אַנ'איידלען אופן אַ פרעג געטון וועגען דעם דעם לופטפליהער.

„וואָס קען איך העלפען, האָט זיך פערענטפערט לינדבערג, ווען איך שיק אַ העמד אין לאַנדרי, בעקום איך איהר מעהר נישט צוריק. זיי צורייסען איהר אויף שטיקלעך פאַר אַנ'אַנדענקונג".

איז נישט אַ ביטערער רחמנות אויף אונזער נאַציאָנאַלען העלד?...

* * *

ווען לינדבערג איז אין ניו-יאָרק בעזוכט ער אָפט אַ געוויסען הויז, ער קומט אַהין צו דעם אייגענטימער פון הויז, וועלכער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט לופט-פליהעריי. פאָהרענדיג אויף רעדערן ווערט ער דערקענט פון פיל מענשען. זיי טשעפּען זיך צו צו איהם, ער זאָל זיך אָפּשטעלען אויף דעם נייעם אָרער צעהנטען שטאָק צו בעקענען זיך מיט זייערער אַ מאַמען, אָדער אַנ'אָנקעל אָדער אַ טאַנטע. ער קען קוים מיט צרות דערפאָהרען צו דעם שטאָק וועלכען ער דאַרף האָבען. איצט איז יענעם הויז איינגעפיהרט געוואָרען אַ נייע אָרדנונג, אַז ווען לינדבערג קומט אַהין, נעהמט איהם אַ ספּעציעלע ווינדע גלייך צו דעם העכסטען שטאָק און קיינער אויסער לינדבערג טאָר דעמאָלט נישט פאָהרען מיט יענער ווינדע.

איז גרינג צו זיין אַ בעריהמטער מענש?..

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,

פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.

אייגענע פּראַצאָהניע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, ווי: וקלאַדקעס אויף פלאַטפוסען, קינסטליכע פיס, גאָרסעטען א. ז. וו.

עמפּפאַנגט פון 5–7 אין אָוונט.

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספּעציאַליסט פאַר הויט-, האָר און ווענערישע קראַנקהייטען, נער-שוואַכע, לישיי און ראָטע, רענטגען-שטראַהלען און עלעקטריק-ליכט, עלעקטרא-טעראַפּיע

נעהמט אָן פון 6 ביז 9 אין אָוונט

גאָלדענע גליקען

(ראָמאַן) (25

אַכט אַ זייגער האָט מען מיר דערלאַנגט עסען.

טועם-זייענדיג די לייכטע, איידעלע און געשמאַקע מאכלים, האָב איך ווידער אָנגעזאָגט דער צימער-מיידעל, אַז אויב ביל וועט קימען, זאָל זי איהם אומבעדינגט פערהאַלטען.

— זאָגט איהם, אַז איך וועל באַלד צוריקקומען, און אַז ער קאָן ביי מיר איבערנעכטיגען. איך האָף, אַז ס'וועט זיך געפינען אַנ'אָרט, וואו איהם אַוועקצולייגען.

— זעלבסטפערשטענדליך, מיסטער! מ'דאַרף נאָר צוגרייטען דאָס בעטגעוואַנד.

גרייטשע, אַלזאָ, גלייך צו, — האָב איך בעפוילען — און, וואָס עס זאָל נישט געשעהן, פאַר קיין פּרייז, לאָזט נישט אַוועק דעם הער לאַגאַן.

אַפּגעזעסען בין איך אינדערהיים ביז האַלב עלף, אויסרויכערענדיג פאַר דער צייט צוויי ציגאַרען, און אָפּקלייבענדיג פון נאַטאַנ'ס מלבושים די יענינגע, וואָס האָבען זיך גופּאַסט פאַר מיין נסיעה אויפ'ן דאַרף.

אַזוי-ווי פון ביל לאַגאַנען איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין ידיעה, האָב איך מיט אַ זיפץ גענומען דעם פּאַלטען, דעם הוט און שטעקען, אַרויס אויפ'ן גאַס דורך דער פעדער-מיר, און אַריינזעצענדיג זיך אין טאַקסובקע געהייסען זיך אָפּפיהרען צום לאָרד סענגאַט.

סענגאַט האָט געוואוינט אין אַ שיינעם אָפּגעזונדערטען פּאַלאַץ, וואָס האָט פערנומען דעם ווינקעל פון צוויי גאַסען.

דער צופאָהר צו איהם איז געווען בעציהרט דורך גריכישע קאָלאָניעס, און אויף די טרעפּען איז געווען אויסגעלייגט אַ ברייטער רויטער טעפּיך.

אויף דער גאַס זענען הין און צוריק אַרוםגעפאָהרען אויטאָס.

צוויי פּאָליציאַנטען האָבען רעגולירט די האַסטיגע בעוועגונג אַרום.

וואָס פאַר אַ רעפּוטאַציע דער לאָרד סענגאַט זאָל נישט האָבען געהאַט, אָבער ס'איז געווען קלאָהר אַז אַ סך מענשען האָבען געהאַט חשק צו זיין צו-גאַסט ביי איהם.

איך האָב זיך פונאַנדערגעצאָהלט מיט'ן שאָפער, און נישט געאיילט בין איך אַרויפגעשטיגען אויף די העל-בעלויכטענע טרעפּען.

דער וועסטיביל און די טרעפּען זענען געווען איבערפולט פון מענער אין פראַק מיט שטאַרק דעקאָלטירטע דאַמען, אין זיידענע קליידער און בעצירט מיט בריליאַנטען און פּערעל.

די לאַקייען אין ליבעריאַס האָבען ביי די אָנקומענדע געסט שנעל אָפּגענומען די פּאַלטענס מיט די היט.

אויבען האָט דער באַלעבאָס מקבל פנים געווען די געסט.

עסוואָס נידעריגער איז געשטאַנען אַנ'אויסגעפּאַשעטער לאַקעי, וועלכער האָט מיך תיכף דערקאַנט, ווי נאָר איך בין אַריין.

— מיסטער סאַלאָמאָן נאַטאַן! — האָט ער אויסגערופען מיט אַ זעהר פיינער סאַמעטענער באַריטאָן שטימע.

דער לאָרד סענגאַט, וועלכער האָט בעת מעשה גערעדט מיט אַנ'עלטערער דאַמע און ביני לביני געדריקט די הענד פון די פערבייגעהענדע געסט, האָט זיך אַ לאָז געטון מיר ענטקעגען, ווי נאָר ער האָט אויסגערופען מיין נאָמען.

דאָס איז געווען אַ הויכער, שיין-געבויטער מאַנספּערשוין פון אַ יאָהר פינף-און-דרייסיג מיט אַ גרויסען צטוואָס שווערליכען פנים און מיט האַרטע גרויע אויגען.

ער איז מיר תיכף נישט געפעלען געוואָרען.

איך בין זעהר צופרידען, וואָס איהר זענט געקומען, נאַטאַן, — האָט ער מיר איינגערוימט אויפ'ן אויער, דריקענדיג מיר די האַנד — איהר האָט דאָך אודאי בעקומען מיין בריוועל? ווי-נאָר איך וועל זיך בעפרייען פון דער דאָזיגער אידיאָטישער צערעמאָניע, וועל איך אייך אויפזוכען. איך מוז אומבעדינגט מיט אייך אַ שמועס טון.

— גוט, וואו זשע זאָל איך אויף אייך צווואַרטען?

— האַרכט זשע! — האָט ער שנעל אַרויסגעשעפּטשעט — קומט אַ זייגער עלף גלייך אין מיין קאַבינעט, איך וועל דאָרט וואַרטען אויף אייך!

דערנאָך האָט ער אויפ'ן קול ליבענסווירדיג צוגעגעבען:

— דאַכט זיך, איהר זענט נישט בעקאַנט מיט מיין טאַנטע... ערלויבט מיר אייך זי פאָרצושטעלען: טאַנטע סוסאַנאַ, אָט דאָס איז דער הער נאַטאַן.

די אַלטע האָט מיך בעשאָנקען מיט אַ בעצויבערענדען שמייכעל.

פאַרלעגענדיג איהר די האַנד, האָב איך זי אַריינגעפיהרט אין גרויסען זאַל.

אין זאַל האָט מען שוין גאָר לעבעדיג און היציג געטאַנצט אונטער די קלאַנגען פון דזשעז.

אַ בעטויבטער און אַ פערבלענדטער פון די העלע פייערען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל.

די טאַנטע סוסאַנאַ האָט מיך מכבד געווען מיט אַ צווייטען צויבער-שמייכעל און אַ דריק טוענדיג מיט די שפּיצען פינגער מיין האַנד, איז זי אַוועק.

איך האָב פלוצים דערפיהלט, אַז עמיצער שטעהט הינטער מיינע פלייצעס, וואַרטענדיג ביז איך וועל בעפרייען דעם אַדורכגאַנג.

אָפּטרעטענדיג אין אַ זייט, האָב איך זיך אַרומגעקוקט, און דאָס האַרץ אין מיר האָט פאַר אומגעריכטקייט אַזש אַ שפּרונג געטון.

גלייך ענטקעגען מיר האָב איך דערזעהן שטעהן — טרעפּט וועמען?

גלייך ענטקעגען מיר איז געשטאַנען מאַריע סאַלאַנזש אָנגעלעהנט אויף דער האַנד פון אַנ'עלטערען מאַנספּערשוין, דער אויסזעהן פון וועלכען עס איז מיר געווען מאָדנע קענטליך.

(פּאָרזעצונג קומט.)

לאדזער אפטיילונג פון דער פוילישער עמיגראציע-געזעלשאפט

נעכטן איז אין זיצונגס-זאל פון דער וואַיעוואודזטווע, אנטעיל פאַרזיץ פון וואַיעוואָדע יאַשטשאָלט, פאַרגעקומען די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס-פערזאַמלונג צו גרינדען אין לאָדז אַן אָפּטיילונג פון דער פוילישער עמיגראַציאָנס-געזעלשאַפט.

דער בעקאַנטער עמיגראַציאָנס-טוער, רעד. פאַנקעוויטש האָט אויף דער פערזאַמלונג געהאַלטען אַן אויספיהרליכען און זעהר אינטערעסאַנטען רעפעראַט וועגען פוילישען עמיגראַציע-פּראָבלעם.

דער רעפערענט האָט קודם כל אָנגעוויזען, אַז די עמיגראַציע-בעוועגונג פון פוילען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויך נאָך דעם, ווי דאָס לאַנד איז געוואָרען אומאָפּהענגיג. אין משך פון די לעצטע צעהן יאָהר זענען פון פוילען אויסגעוואַנדערט ביז אַ מיליאָן מענשען. די אויפגאַבע פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאַפט דאַרפט זיין די עמיגראַציע צו אָרגאַניזירען, אַזוי, אַז זי זאָל זיין נוצליך סיי פאַר'ן עמיגראַנט, סיי פאַר'ן מוטערלאַנד.

דער רעדנער האָט זיך דאַן געהאַט אָפּגעשטעלט אויף די דערגרייכונגען פון די פוילישע עמיגראַנטען אין פאַראַנאַ און אין בראַזיליען, וואו עס געפינען זיך ביז 100 טויזענד פאַליאַקען, וועלכע פערמאָגען דאָרט גרויסע שטחים ערד און האָבען בעוויזען צו שאַפען אַ שטאַרקען ווירטשאַפטליכען און קולטורעלען עמיגראַציאָנס-צענטער.

דער רעפערענט האָט ווייטער אַרומגערערט די אויפגאַבען פון דער געזעלשאַפטליכע הילף פאַר די עמיגראַנטען.

צום סוף איז געוועהלט געוואָרען אַ צייטווייליגער אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט, וועלכער דאַרף זיך גרייטען די גרינדונג פון אַן אָפּטיילונג פון דער פוילישער עמיגראַציאָנס-געזעלשאַפט פאַר דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע מיט פיליאַס אין די פּאָוויאַטען.

לידיא פאָטאָצקא קומט קיין לאָדז

ווי מיר ווערען געוואויר, קומט קיין לאָדז אויף עטליכע גאַסטראָלען די בעריהמטע יודישע אַרטיסטקע לידיאַ פאָטאָצקאַ.

פאָטאָצקאַ געהערט צו די בעסטע און אינטעליגענטסטע אַרטיסטקעס אויף דער יודישער ביהנע. איהר לעצטער טורנעע איבער אַ רייה שטעט פון פוילען און רומעניען איז געווען אַ טריומף פון דער יודישער טעאַטער-קונסט.

אין לאָדז וויילט איצט דער אימפּרעסאַריאַ פון לידיאַ פאָטאָצקאַ ה' זאַלאַטאַריעוו, וועלכער מאַכט אַלע נויטיגע הכנות צו די בעפאָרשטעהענדיגע גאַסטשפּילען.

פון ו.י.ז.א.

(—) היינט האַלב 9 אין אָוונד אויפ'ן טרעדיציאָנעלען מיטוואָך-טיי-אָוונד, וועט דירעקטאָר מיכאל בראַנדשטעטער האַלטען אַ פאָרלעזונג א.ד.ט. „לעסינג אַלס לעהרער פון מענשליכקייט".

בריף אין רעדאַקציע

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען דאַנק דעם ראַטמאַן ר' יחיאל יצחק בערמאַן דערפאַר, וואָס ער האָט אונז בעזאָרגט אַלע 8 טעג פסח כשר'ע, געשמאַקע עסען 4 מאָל טעגליך. גלייכצייטיג דאַנקען מיר די ה"ה מ. מייטליס, י. זאַלצמאַן, א. זיידערמאַן, ל. פוקס, מ. פעדערמאַן, ש. דאָמביק, א. ווישינסקי פון „שעורי-צדק" (סאָלנאַ 7), פאַר צושטעלען אונז פּינקטליך די יום-טוב'דיגע מאכלים אין נאָמען פון 48 קראַנקע אין „ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל"

צייכענען מיר מיט אַכטונג

א. גרינבאַל, מ. צווייזמאַן, א. וואַקסבערג

מ. ליטוואַק, אַ. ראָזען, י. פאַקטאָר,

א. קאָכמאַן און י. ראַכמיל.

מעלדונג

פראָפ. פעראיין פון בעקליידונג-אינדוסטרי-אַרב. אין פוילען אָפּט. לאָדז קאָנסטאַנטינער 26.

אַכטונג, מענער-מאַגאַזין און פאָרל-אַרבייטער!

היינט, מיטוואָך, ד. 8 מאַי, 10 פריה, קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל קאָנסטאַנטינער 26, אַ וויכטיגע פערזאַמלונג פון מענער-מאַגאַזין און פאָרלעך וועגען די ניי געשאַפענע לאַגע אין פאַך. אַלע מענער-מאַגאַזין און פאָרל-אַרבייטער, מוזען אונבעדינג קומען.

די פאַך-קאָמיסיעס פון מענער-מאַגאַזין און פאָרלעך

7108

אַכטונג, שערער-אַרבייטער!

ס'ווערען איינגעשריבען מיטגלידער שערער-אַרבייטער אין דער ניי-געגרינדעטע שערער-אָפּטיילונג ביים פראָפ. פעראיין פון אַרבייטער אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע אויף דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע. איינשרייבען קען זיך יעדער שערער אַרבייטער אין אייגענעם לאָקאַל פּיעטריקאָווער 56 וו. 63.

די איינשרייבונגען קומען פאָר יעדען טאָג פון 8–10 אָוונד, דאָנערשטאָג דעם 9-טען און זונטאָג, דעם 11-טען פון 10–12 פאַרמיטאָג און פון 5–9 אָוונד.

פראָפ. פעראיין פון אַרבייטער אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע אין דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע.

7097

אַלגעמיינער פראָפ. לאַנדעס-פעריין פון בעקליידונג-אַרבייטער אין פוילען, אָפּט. לאָדז, לאַגעווניצקאַ 4.

אַכטונג, מענער-מאַגאַזין און פאָרל-אַרבייטער!

דאָנערשטאָג, דעם 9-טען מאַי, 8 אָוונד קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל, לאַגעווניצקאַ 4 אַ פאַך-פערזאַמלונג א. ד. ט. „די נייע געשאַפענע לאַגע אין פאַך".

אַלע אַרבייטער פון מאַרינאַרקעס- און פאָרל-פאַך, דאַרפען אונבעדינגט קומען!

די פאַך-קאָמיסיעס פון מענער-מאַגאַזין און פאָרל-אַרבייטער.

7106

די לעצטע טעג

פון מ. אַפּפעלבוים'ס בילדער-אויסשטעלונג

די בילדער-אויסשטעלונג פון בעקאַנטען יודישען קונסט-מאָלער משה אַפּפעלבוים אין זאַל פון „הזמיר" וועט נאָך אָפען זיין ס"ה עטליכע טעג, ביז זונטאָג, דעם 12-טען ד.ח. איינשליסליך.

די אויסשטעלונג פון מ. אַפּפעלבוים האָט אין לאָדז, ווי אומעטום געפונען דעם וואַרימסטען אָפּקלאַנג ביי אַלע ליבהאָבער פון מאָלעריי. די בילדער פון יודישען קינסטלער ענטציקען מיט זייער פאַרבענרייכקייט און פילזייטיגען אינהאַלט.

ווער עס האָט די אויסשטעלונג נאָך נישט בעזוכט, דאַרף אויסנוצען די פאָר טעג ביז זונטאָג, כדי נישט צו פערלירען די געלעגענהייט פון אַ גרויסען קינסטלערישען גענוס.

בײַ נערוועזן דרייצבאַרקייט, קאָפּ-שמערצען, שלאָפלאָזיגקייט, מאַטקייט, נידערגעשלאָגענקייט, אַנגסט-געפיהלען, האָבען מיר אין דעם נאַטירליכען ביטערוואַסער

FRANCISZKA JÓZEFA

אַ הויזמיטעל אין דער האַנד וועלכעס ווירקט אויף די פערדייאונג.

ערצטליכע בעריהמטקייטען האָבען אַנערקענט, אַז דאָס ביטערוואַסער פון

פראַנץ יאָזעף

ווירקט אויסגעצייכענט אויך אויף עלטערע מענשען.

היינט פּרעמיערע! די וואַנטורעס אין האַרעם

פיקאַנטער און פרעהליכער פילם, וואָס אילוסטרירט דאָס מזרח-לעבען און זיינע עראָטישע זייטען.

אין די הויפּט-ראָלען: דער בערימטער עקראַן-טראַגיקער Rudolf SCHILDKRAUT און די ייצענד-שעהנע JULJA FAYE — סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ש. בייגעלמאַן.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקה, און מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערוועז-קראַנקהייטען. קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט קאָסמעטיק.

— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד. — —

פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן אַ פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.

— בעזונדער-וואַרטע-צימער פאַר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

טאַפּעצירער געזעלען!

קענען זיך זאָפאָרט מעלדען ביי שוואַרצאָווסקי, נאַרוטאָוויטשאַ 36

אשיק-יונגע

פון 14 ביז 16 יאָהר, ווערט זאָפאָרט געזוכט אין זשובעליר-געשעפט פּיעטריקאָווער 5. ביי מ. ה. ליסאַק.

א יונגערמאַן

מיט גוטע רעקאָמענדאַציעס, זוכט בעשעפטיגונג צו וואָס פאַר אַרבייט עס איז.

2 זשגאָווסקאַ 2, ביי מאַרקוס. 7100

א קעלנערקע

און אַ קעכין קענען זיך מעלדען אין דער מלעטשאַרניע, זאַוואַדזקאַ 14

קלוב פון יודישען פרויען-פערבאַנד „ו.י.ז.א." אַל. קאָשטשושקי 21

היינט, מיטוואָך, דעם 8-טען מאַי ד. י. פּינקטליך 8.30 אָוונד-אויפ'ן וועכענטליכען טעע-אָוונד, וועט

דיר. מיכאל בראַנדשטעטער

האַלטען אַ רעפעראַט אויף דאָס טעמע:

„ג. ס. לעסינג אַלס לעהרער פון מענשליכקייט"

איינגאַנג פאַר מיטגלידער און אַריינגעפיהרטע געסט — אומזיסט.

8-klas. GIMNAZJUM MĘSKIE

z prawami gimnazjów państwowych

L. SZAKINA w ŁODZI

18 PIOTRKOWSKA 18

די קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום נעמט אָן ביטעס פון נייע קאַנדידאַטען פאַר אַלע קלאַסען טעגליך פון 10—1 אַ זייגער נאָכמ.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY

WodnyRynek(róg Rokicińskiej)tel.18-26

Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od dnia 7-go maja do 13 maja 1929 r.

Dla dorosłych:

„STUDENT-ŻEBRAK"

W rolach głównych: **Agnes Esterhazy, Marja Paudler i Harry Liedke.**

Dla młodzieży:

W krainie złota i śmierci (Alaska)

Zmagania się człowieka z żywiołem.

Nad program:

„Przygody małego wędrowca"

Komedja w 3-ch aktach.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקה. בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע.

אַנדזשעיאַ 5, טעל. 59-40

עמט אָן פון 8–10 פריה און פון 5–9 אָוונד. בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאָלאָג-אַקושער

גדאַנסקאַ 11,

טעל. 34-72

נעמט אָן פון 8–6 אָוונד.

Dr. ADAM

GROSGLIK

Al Kościuszki 27

tel. 51-78,

הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען און ליכטהיילאינסט. נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונד

שפּאָרט-געלד!

קויפט

שירמס, שטעקענס

נאָר אין דער וואַרקשטעל

ס. פינגערבוים, נאַרוטאָוויטשאַ 19

ווייל איהר קענט דאָרט קויפען מיט אַ איבער 25% ביליגער.

אַכטונג! ס'ווערען אָנגענומען אַלערליי רעפּאַראַטורען און רעקאַנ.

Dr. med.

H. LAJCHTER

צאָהן-כירורג

רענטגען-, קין-, גימען- און צאָנג-קראַנקהייטען.

Konstantynowska 9.

telefon 49-66

od 1½—5 po pol. 4604

Dr. med.

L. Pikielny

אוראָלאָג

ספּעציעל אַרצט פאַר ניערן-, בלאָזען- און האַרן-קראַנקה

NAWROTS

tel. 19-90

עמפּפאַנגט פון 4–7 אָוו. נעמט אויך אָן אין דער לעטשניצע „Zdrowie" נאַוואָמיעיסקאַ 3 פון 12½ ביז 2 אין נאָכמ.

ד"ר מ. קאַליש

צאָהן-אַרצט

זשעראָמסקיעגאָ 37

(פּאַנסקאַ)

נעמט אָן פון 1 ביז 2 נ"מ און פון 7 ביז 8 אָוונד. זונטאָג און חגא פון 12 ביז 2 נאָכמיטאָג.

אַכטונג, צייטונגס-פערקויפער!

די פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט אַלע צייטונגס-פערקויפער, אַז אַזוי ווי פערזאַמלונג פון 5/5 איז נישט געוואָרען געענדיגט צוליב שפּעטיגקייט, האָט די פערזאַמלונג אָנגענומען אַ בעשלוס צו רופען אַ פערזאַמלונג אויף זונטאָג, ד. 12/5, 7 אָוו.

מ'בעט אַלע צייטונגס-פערקויפער, אַלע ווי איינער, צו קומען אויף דער פערזאַמלונג, ווייל עס איז נוגע יעדען בעזונדער אין זיין אינטערעס. מיר האָפען, אַז די חברים וועלען שוין אָנהויבען צו פערשטעהן, וואָס אַ פעראיין בעדייטעט און זיי וועלען קומען פּינקטליך צו דער פערזאַמלונג.

מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

א דרוק-מאַשין

צו פערקויפען.

פאָרמאַט 95×63, אין גוטען צושטאַנד, ביי סאַמבאָרסקי, וווסכאָדניאַ 4

Dr. med. H. Lubicz

צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 32-41

ספּעציאַליסט פאַר הויט, וועגערישע און מענער-שוואַכע קראַנקהייטען. היילונג מיט קוואַרץ-לאַמפּ (האַר-אויספאַל)

נעהמט אָן פון 8–10 און פון 5–8 אָוונד.

LEKARZ DENTYSTA צאָהן-אַרצט

St. GELBERG

זאַכאָדניאַ 15, טעל. 08-31.

היילט גאַנץ פערנאַכלעסיגטע צייהן- און מונד-קראַנקהייטען, צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראַהלונג, ספּעציעלער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע צייהן.

נעהמט אָן פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פריוואַטע אַנאָנסען פאַר'ן שורה—24 גר. אין דער רייע אַ שטעלען — אין טעקסט—40 — . . . 60 — . . . 4 — פאַר פילמען-שורה: הינטער'ן טעקסט—12 — . . . 10 — . . . 8 — לייבער דער שורה 50 גרשן. טייערער. אויפל. 100 פראָצ. טייערער. פּאָליטישע—10 גר. אַ וואָרט.

אַבאָנעמענט-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים; אויף דער פּראָווינץ — 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד — 8 זל.

פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען די אַנאָנסען אין דער פערלאַג נישט פאַראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בײַ טאָג און ביינאַכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.

Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmann.

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.